ב"ה



# פארברענגען עם הרבי

## פארברענגען
## י"ב תמוז תשל"ז



אידיש

קיצורי השיחות נועדים להקל על התלמידים שי׳
לעקוב אחר השיחה, ופשוט שהוא כולל רק חלק
מהעניינים המדוברים, בדרך אפשר וללא אחריות
כלל וכלל, ושגיאות מי יבין.

Published and Copyrighted by
**VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI**
**770 Eastern Parkway, Brooklyn N.Y. 11213**
Tel: (718) 771-9674
Email: vaadhatmimim@gmail.com
5777-2017

Design: MendyBens

# פתח דבר

במסגרת הפרוייקט 'התוועדות חודשית עם הרבי', ולקראת יום-ההילולא ג' תמוז, הננו מוציאים לאור הנחות, וסיכומים על השיחות מהתוועדות י"ב תמוז תשל"ז.

הקובץ נדפס בזאת יחד עם הוידיאו החדש מהתוועדות זו, היוצא לאור לראשונה על ידי חברת JEM, בהמשך לסדרת "פארברענגען עם הרבי", המזכה את אלפי תלמידי התמימים ואנ"ש בכל רחבי תבל, להשתתף ב"פארברענגען עם הרבי" בבחינת "יהא רואה בעל השמועה כאילו עומד כנגדו".

בקלטת זו מופיע תרגום מילולי ע"ג המסך במהלך **כל** הפארברענגען.

התרגום המופיע על גבי המסך, נערך בצורה מילולית באידיש, בלה"ק, באנגלית, – מתוך השתדלות להיצמד ככל האפשר ל"לשון הרב", למעט מקרים בודדים בהם נעשה תרגום ענייני יותר, להבנת הענין לאשורו.

■

בקובץ זה מופיע 'תמלול' מכל ההתוועדות באידיש - נערך מהתמלולים של חברת JEM ע"י חברי המערכת ועל אחריותם בלבד, ותודתינו מסורה להם על מסירתם לדפוס לתועלת הרבים.

בנוסף לזה, יצאו גם קבצים באנגלית, ובלה"ק.

לתועלת הלומדים הבאנו בזה גם '**קיצורים וסיכומים**' מכל שיחות הפארברענגען וכמה שאלות לחזרה בסוף הקובץ.

■

ויה"ר שנזכה כבר להתגלותו המהירה והזריזה של הרבי! ונזכה במהרה לקיום היעוד "תורה חדשה מאתי תצא ,"ונזכה לחזות באור פני מלך חיים, ולהשתתף בגשמיות בפארברענגען עם הרבי, בהתגלותו בקרוב ממש.

**ועד תלמידי התמימים העולמי**

כ"ח סיון תשע"ז
בית חיינו · 770, ברוקלין, נ.י.

# מפתח

## הנחה בלה"ק


סיכום המאמר...... ו

**מאמר...... ז**

סיכום השיחה...... יג

**שיחה א'...... יד**

סיכום השיחה...... כא

**שיחה ב'...... כב**

סיכום השיחה...... כח

**שיחה ג'...... ל**

סיכום השיחה...... מא

**שיחה ד'...... מג**

סיכום השיחה...... נב

**שיחה ה'...... נד**

סיכום השיחה...... ע

**שיחה ו'...... עא**

סיכום השיחה...... עז

**שיחה ז'...... עח**

סיכום השיחה...... פב

**שיחה ח'...... פג**

**שאלות סיכום...... פו**

לחזרה ושינון תוכן השיחות

# סיכום המאמר

ברוך הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב. זהו נוסח ברכת הגומל שאומרים ה'ארבעה שצריכים להודות'.

מקשה בעל הגאולה: מדוע הנוסח הוא 'הגומל לחייבים טובות' ולא 'הגומל לי טוב' - ע"ד נוסח ברכת הנס 'שעשה לי נס', ובפרט שיש בזה משום "את חטאי אני מזכיר"?

את הביאור בזה מתחיל בעל הגאולה, אשר 'ארבעה שצריכים להודות וסימנך כל החיים יודוך סלה' - שחיים ר"ת חולה, יסורים (בית האסורים), ים (יורדי הים) ומדבר (הולכי מדבריות) - שכאשר הם חוזרים לאיתנם, עליהם לברך ברכה זו.

ברכה היא מלשון המשכה, ומכך מובן שענינה הפנימי של הברכה היא המשכה ונתינת כח (ובאופן ד'מקדים רפואה למכה') שיחזור לאיתנו מעניינים אלו.

ארבעת ענינים אלו כפי שהם בגשמיות נובעים מעניין כללי בירידת הנשמה:

מתחילה הנשמה עומדת בביטול מוחלט, והירידה למטה לעולם שבו חסר שער הנו"ן פועלת אצלה חיסרון בביטול - חולה בגימטריא מ"ט, שחסר לו שער הנו"ן.

בעוה"ז גופא היא מתלבשת במדידה והגבלה של הגוף ונה"ב - בית האסורים - ועוד זאת, העולם שנברא באופן ד'הרוצה לטעות יטעה' עלול 'להטביע' בתוכו את הנשמה - יורדי הים - ועד כדי כך שהיא מגיעה למצב ש"לא ישב אדם (העליון) שם" - הולכי מדבריות.

וזהו עניין ההמשכה והנתינת כח (ברכה, כנ"ל) - שמשביעין (מלשון שובע) את הנשמה שתוכל לעבור את כל הענינים ד'ארבעה' הנ"ל - שענינם מה שהנשמה צריכה לעסוק בענייני העולם, ועד באופן של אכילה ושתיה, ושלמרות זאת יהיה זה באופן ד'חכם' שרואה את הנולד, איך הכל מתהווה מאלוקות. ואת זה גופא נאלצת לפעול על ידי "שאו מרום עיניכם" ורק אז "וראו מי ברא אלה", באופן דראיה שמשפיעה על כל כולו.

אשר הכח לכל זה מגיע מה"משביעין אותו" שלפני ירידת הנשמה למטה, וזהו עניין הברכה והנתינת כח באופן ד'מקדים רפואה למכה'.

[ועניין זה מביא לידי פלא - "ונפלאותיו לבני אדם" - כיצד מתמודד היהודי עם כל הקשיים הללו. וכפי שמצינו בבעל הגאולה שבעת המאסר היה במצב דבית האסורים וחולה כפשוטו, וגם מצב דים ומדבר - ובכל זאת עמד בכל הנסיונות].

אך סוף סוף, כיוון שהנשמה ירדה למטה ישנו חיסרון במצבה מכפי שהיה למעלה, כי גם במעמד הנעלה ביותר הרי הוא עדיין 'יש מי שאוהב' (ואף שזהו מצד אונס היצר הרע - הרי 'כמאן דעביד לא אמרינן') - שזהו עניין ד'חייבים', ולכן מזכירים זאת בברכה.

וכאשר הוא מרגיש שהוא עדיין במצב ד'חייבים' (שמצב הנשמה אינו כלפני ירידתה) יש אצלו צימאון שגורם לו להגיע לדרגא ד'צדיקיא בתיובתא' - שעי"ז נמשך גילוי משיח.

את כל הנ"ל יש לקשר לפסוק "אור זרוע לצדיק" (שבפרק שמסיימים אמירתו בי"ב תמוז זה) - "צדיק" קאי על "צדיקו של עולם" ש"זורע" את ה"אור" דתומ"צ בעוה"ז 'טורי דפרודא' ע"מ לגרום צמיחה בבנ"י - "יציץ ופרח ישראל", אשר זה ממשיך שמחה שפורצת גדר וממשיכה את ה"לקבל שכרם" מיד לאחר ה"לעשותם" (וכמו שיהיה לעת"ל "נגש הקוצר בזורע" ו'תלד אשה מיד').

ובהמשך לזה אומרים בפרק הבא (שאת אמירתו מתחילים בי"ב תמוז זה) "שירו לה' שיר חדש" דקאי על גאולה העתידה שאין אחריה גלות לפי שיהיה גמר הבירורים, שההקדמה לזה היא ע"י מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות - ובפרט הפצת המעיינות (דבעל הגאולה) חוצה.

# בס"ד. י"ב תמוז ה'תשל"ז

(הנחה בלתי מוגה)

**ברוך** הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב. וואס דאס איז דאך דער נוסח פון ברכת "הגומל", וואס ס'איז אויך געזאגט געווארן על ידי בעל הגאולה והשמחה בחזרתו למקומו, וואס דעמאלט איז געווען מער די גאולה בבירור, און נאך פאר דערויף אויך געזאגט געווארן דער מאמר מיט דער התחלה – לפני יובל שנים – נאך זייענדיק במשלוחו, אין דעם פארשיקטן ארט, אין קאסטראמא, וואס דערפאר איז געווען מערניט ווי די אמירת פון הלכות התורה בזה, ווי שוין אויך געדרוקט און מפורסם ומופץ בתפוצות ישראל.

וואס ער שטעלט זיך דארט אויף דיוק, וואס דאס זאגט מען "לחייבים", וואס לכאורה, וויבאלד אז דאס איז דאך אן ענין ניסי, די ד' שחייבים להודות, על דרך ווי מ'זאגט ביי א נס גלוי "ברוך שעשה נס" "לי" אדער "לאבותי" "לרבי" וכיוצא בזה – על דרך זה האט אויך געדארפט דא זיין דער לשון "ברוך שעשה לי נס" אדער "שגמל לי טוב" אדער "שעשה לי טוב", און דא איז ער מוסיף נאך אן ענין "לחייבים".

ובפרט נאך וואס דאס איז אן ענין לכאורה וואס ער איז אינו מתאים – בדוגמא ווי מ'זאגט "את חטאי אני מזכיר", וואס איז דא די הדגשה אויף מזכיר-זיין דעם ענין פון "לחייבים".

**וואס** דער ביאור בזה הויבט ער אן דערמיט וואס ווער דארף מאכן די ברכות, "ד' חייבים להודות וסימנך כל החיים יודוך סלה", וואס "חיים" איז דאך ראשי-תיבות דער ענין פון חולי און דער ענין פן בית האסורים ויסורים און דער ענין פון ים און דער ענין פון מדבר, א חולה ונתרפא, חבוש שנשתחרר מבית האסורים, יורדי הים כשעלו ביבשה און הולכי מדבריות כשחזרו ליישוב, וואס דעמאלט, ווען זיי זיינען געקומען לאיתנם – בענטשן זיי אט די ברכה.

וואס "ברכה" איז דאך אויך פון לשון המשכה, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק, ווי מ'זאגט אויך אין דער ברכה "יודו להוי' חסדו ונפלאותיו לבני אדם", וואס דאס איז דאך אין דעם קאפיטל וואו ס'רעדט זיך וועגן די ד' חייבים להודות, ווי די גמרא איז מבאר בארוכה אין סוף מסכתא ברכות – איז דאך דערפון אויך פארשטאנדיק, אז ער איז ממשיך און איז מודה, אז נאך איידער ס'איז געווארן דער חולי איז "הקב"ה מקדים רפואה למכה", על דרך

זה בא "חבוש מבית האסורים" און "הולכי הים" און "הולכי מדבריות" – איז פריער געווען דער נתינת כח אז דערנאך זאל ווערן דער שחרור מבית האסורים און דער ענין פון חוזר-זיין בשלום מן הים און חוזר-זיין בשלום מהליכתו במדבר.

**וואס** בכללות נעמט זיך דאס פון אן ענין כללי, וואס ירידת הנשמה בגוף איז דאס בדוגמא ווי די אלע פיר ענינים, וואס דערנאך טיילן זיי זיך פאנאנדער באזונדער, איז דאס דא בא בכל אחד ואחד, וואס "נשמה שנתת בי טהורה היא", און דערנאך קומט זי אראפ "מאיגרא רמה לבירא עמיקתא", וואס פריער איז זי געווען למעלה, איז דאך "חי הוי' אלקי ישראל אשר עמדתי לפניו", אז דעמאלט שטייט זי אין אן אופן פון עמידה, וואס דאס באווייזט אויף ביטול, ו"לפני הוי' אלקי ישראל", דערנאך ווערט ביי איר אט די ענינים, "ותחסרהו" – אז זי איז יורדת מאיגרא רמה, וואס דעמאלט איז זי געווען "קמי' מלכא קדישא", און זי קומט אראפ למטה, "למטה" ברוחניות, אין דעם ענין ווי אלקות שטייט בגלוי.

וואס אט דאס איז דאך דער ענין פון "חולת אהבה אני", ווי דער ענין פון "חולה" שטייט בדקות, וואס דערנאך ווערט דערנאך נמשך ביז אין א חולי למטה, ביז אין א חולי כפשוטו, אבער די התחלה פון כל אלו איז, ווי געזאגט אין כתבי האריז"ל אז "חולה" איז בגימטריא מ"ט, ווארום ער קומט אראפ אין אן עולם, וואס אף על פי וואס דער עולם האט א שייכות צום "חמישים שערי בינה נבראו בעולם", אבער "ותחסרהו מעט מאלקים" – מערניט ווי מ"ט איז געגעבן, וואס דאס איז בגימטריא "חולה", בלייבט דער ענין פון "חולת אהבה אני", ביז ווי ער זאגט אין תניא, אז אפילו צדיק גמור עובד הוי' באהבה בתענוגים איז דאס אויך א מציאות, א יש מי שאוהב, במילא קומט דאס ניט ווי ס'איז געווען "עמדתי" – דער ענין פון ביטול לגמרי.

**בשעת** ער קומט אראפ, נאך דערויף ווי ס'פעלט דער שער הנו"ן, קומט דאך אויך די נשמה ווי זי ווערט נתלבש אין מדידה והגבלה פון סדר השתלשלות, ביז ווי זי ווערט נתלבש אין גוף ונפש הבהמית, וואס דאס איז דאך דער ענין פון "בית האסורים" – ער איז ניט ווי יוצא לחפשי, אז ער איז א בן-חורין אמיתי, ווארום ער איז פארבונדן מיט מדידה והגבלה פון זיין גוף ונפש הבהמית, פון דעם עולם, וואס דאס איז דער ענין פון "חבוש בבית האסורים".

ביז וואנענט אז דערנאך ברענגט דאס, אז מצד דערויף וואס ער געפינט זיך אין אן עולם וואס "בראשית ברא אלקים" לשון רבים, "נעשה אדם לשון רבים", "כתוב והרוצה לטעות יטעה"- אט דעמאלט ווערט ער אויך אין די "מים רבים", אין דעם "ים" פון וועלט, וואס דארט איז דאך דא כמה וכמה ענינים מיט א ריבוי ענינים, ביז וואנענט אז דאס קען חס ושלום "פארטרינקען" כל המציאות, וואס דאס איז בכללות הענין וואס ער ווערט

כאילו חס ושלום מבולבל, ווי די גמרא זאגט אין תמיד, אז ״נחותי ימא״ ווען האבן זיי דעם ישוב הדעת?

– דוקא ווען ״נפקו ביבשתא״, ווען זיי קומען ארויף ביבשה, על דרך זה איז דאס אויך פארשטאנדיק בהנוגע צו ״נשמה שנתת בי״ ווען זי קומט אראפ אין ״ים״ פון עולם.

ביז וואנענט אז זי קומט אין אן אופן אז ס׳קען זיין חס ושלום באופן פון ״לא ישב אדם שם״, אז דער ״אדם״, וואס ער ווערט אזוי אנגערופן על שם ״אדמה לעליון״, איז זעט זיך ניט אן קיין ענינים פון ״אדם״, פון ״אדמה לעליון״ – דאס איז אן ענין פון ״מדבר״, וואס ״לא ישב אדם שם״, דארט איז מערניט ווי חומריות, על כל פנים גשמיות פון עולם, מלשון העלם והסתר.

וואס ווי די ענינים שטייען בדקות, אין ירידת הנשמה בגוף – דערנאך קומט דערפון ארויס די אלע ענינים פון דקות דדקות ביז ניט אזוי דק, ביז ווי דאס קומט אראפ אין ענינים כפשוטם.

**אזוי** ווי בא ירידת הנשמה בגוף איז דאך ״משביעין אותו״ איידער ווי זי ווערט בגוף איז ״משביעין אותו״, און אין וואס באשטייט וואס ״משביעין״ איז אויך פון לשון ״שובע״ – אז מ׳זעטיקט אים אן מיט כוחות שלא בערך ווי ער האט געהאט פריער, כדי ער זאל קענען דורכפירן דעם תוכן פון ״תהי צדיק ואל תהי רשע״, אז ער זאל זיין ״צדיק״ – מקיים מצוות, ״ואל תהי רשע״ פון להעביר את הדרך – דארף ער דאך האבן א נתינת-כח מיוחדת, און דוקא דורך דערויף איז אף על פי וואס ״כל הדרכים בחזקת סכנה״, און דערנאך קומט ער אראפ אין מדידה והגבלה, וואס דאס איז בדוגמא פון ״בית האסורים״, ביז וואנענט אז ער מוז האבן צו-טאן מיט וועלט, און ער דארף אויף זיך הארעווען אז ס׳זאל זיין ״יגיע כפיך״, ניט יגיעה וואס ס׳איז פארבונדן וואס ער פארמאטערט דעם לב ומוח שבראש, מערניט מיט כלי העשי׳, מיט כפיים אליין.

און דערנאך על אחת כמה וכמה אז ער דארף באווארענען אז אף על פי וואס ער האט צו-טאן מיט וועלט על ידי אכילה ושתי׳ מיט כמה ענינים וואס ער מוז האבן כדי לקיים אז ס׳זאל זיין א גוף בריא ושלם, וואס ווי דער רמב״ם זאגט ״מדרכי השם הוא״ – איז זאל דאס ניט זיין אין אן אופן וואס ס׳איז ניט ניכר אז דאס איז אכילה ושתי׳ של ״חכם״, וואס ״איזהו חכם הרואה את הנולד״, ווי דער אלטער רבי טייטשט דאס אפ:

ער זעט ווי אזוי די וועלט ווערט באשאפן בכל רגע ורגע מאין ליש – אויף דערויף דארף ער האבן דעם נתינת-כח במיוחד.

און צוזאמען דערמיט שטייט ער אויך אין א מעמד ומצב, אז בנוסח הידוע, אז אלקות איז בהתחדשות און עולם איז במציאות, און ער דארף האבן א

התבוננות אויף צו וויסן דורך "שאו מרום עיניכם" וואס דעמאלט וועט ערשט זיין "וראו מי ברא אלה" – דוקא דורך "שאו מרום עיניכם".

און דעמאלט איז נאך אויך דארף ער צוקומען ביז וואנענט ביי אים וועט דאס זיין אין א ראי', וואס דאס וועט מושל-זיין אז ער איז מושל על לבו, ביז וואנעט אז "לבו ברשותו", און "ליבא פליג לכולהו שייפין" – אז ער איז מקיים ב"כולהו שייפין", מיט רמ"ח אברים, וואס דאס איז פארבונדן מיט רמ"ח מצוות-עשה, און שס"ה גידים, וואס דאס איז פארבונדן מיט קיום וזהירות פון שס"ה מצוות לא-תעשה.

**וואס** דאס טוט ער אויף בכוחו פון דעם "משביעין אותו", "יודו להוי' חסדו", ביז וואנענט אז מ'זאגט "ונפלאותיו לבני אדם", אז דאס איז אן ענין פון א פלא, ווי אזוי א איד שטייט-ביי די אלע נסיונות און די אלע שוועריקייטן און העלם והסתר וואס ס'איז דא פון וועלט, ביז וואנענט בעיקר דער בלבול הפרנסה, ביז וואנענט אז "מה' מצעדי גבר כוננו", אז ער ווערט מטולטל למדבר כפשוטו, אדער ער איז א יורדי הים כפשוטו, על דרך זה בית האסורים כפשוטו, על דרך זה חולה כפשוטו.

ווי מ'האט דאס געזען אויך בא דעם בעל הגאולה והשמחה, וואס זיינעדיק דארטן במאסר איז דאך ביי אים געווען אויך דער ענין פון חולי כפשוטו, ווי ער דערציילט דאס אין זיינע רשימות, אזוי בכללות איז דאך געווען במעמד ומצב פון "חבוש בבית האסורים", על דרך זה איז דאך אויך געווען דער רוב הבלבולים מצד די חקירות ודרישות מיט נאך כמה בלבולים מצד די סדרים דארטן, ביז וואנענט אז ס'איז געווען דארט א מעמד ומצב פון א מדבר, וואס "לא ישב אדם שם", כמובן אויך פון די רשימות פון די זכרונות ימי שבתו במאסר.

**און** אויף דערויף זאגט מען, אז אף על פי וואס ער איז דאך מוכרח, ביז וואנענט אויך כפשוטו זאגט מען "אשר הרעותי", ווי די גמרא זאגט אין סוכה אז "שלשה הקב"ה מתחרט עליהם בכל יום", איינער פון זיי איז דער ענין פון יצר-הרע, ביז וואנענט אז יצר-הרע אנסו, אז ער איז גאר אן אונס – אבער אף על פי כן "כמאן דעביד לא אמרינן" – דערווייל פעלט דאך אים אין די ענינים פון עבודת השם, ביז וואנענט ווי געזאגט פריער וואס ער זאגט אין תניא, אז אפילו אז ער איז א צדיק גמור, און אין דערויף איז דאך אויך דא כמה דרגות, אבער ער שטייט אין שלימות הדרגות, "עובד הוי' באהבה בתענוגים", וואס דאס איז שוין מעין השכר וואס ס'וועט זיין לעתיד לבוא, ווי ער איז מבאר דארט אין תניא, איז פונדעסטוועגן איז ער דאך אויך א "יש מי שאוהב" און "יש מי שעובד" – קומט דאך דאס בדקות דדקות אן ענין פון "לחייבים".

וואס דערפאר דארף מען אויף דערויף אויך האבן, אז ער פילט אויך אט דעם ענין, אז אף על פי וואס ער שטייט אין א דרגא פון "צדיק גמור עובד הוי' באהבה בתענוגים" – פילט ער אויך אט דעם צמאון וואס אים פעלט ווי ער איז געוועזן פריער אין אן אופן וואס ס'איז ניט קיין "יש", אפילו אז דער יש איז "עובד הוי' באהבה בתענוגים", פעלט דאס אים, במילא האט ער אויך דעם צמאון, ביז וואנענט אז ס'ווערט א צמאון חזק ביותר, ביז וואנענט "עתיד לאתבא צדיקייא בתיובתא", אז ער קען אויך דערגרייכן אט דאס וואס ס'ווערט אויפגעטאן דורך דעם צמאון גדול ביותר וואס דאס ווערט מצד "ארץ צי' ועיף" כפשוטו, ביז "ארץ צי' ועיף" ברוחניות – היפך עשיית המצוות, און ביי אים ווערט אויך דער "צדיקייא בתיובתא", וואס דורך דערויף קומט אראפ דער גילוי פון משיח'ן.

**וואס** דאס איז דאך אויך אט דאס וואס מ'זאגט "אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה", וואס דאס איז דאך אויך אין קאפיטל צ"ז, וואס דאס איז דאך דער סיום פון שנת הצ"ז, און דערנאך זאגט ער "שירו להוי' שיר חדש, אז ס'הויבט זיך אן פון י"ג תמוז דער שנת הצ"ח, איז דאך "אור זרוע לצדיק", שטייט דאך אויף דערויף דער אפטייטש, אז "צדיק" גייט דאס אויף הקב"ה, "צדיקו של עולם", און ער איז זורע דעם אור, דורך דערויף פון "הבאים ישרש יעקב" – דער ענין ה"זריעה" איז דאס איז דער ענין התורה ומצוות, וואס ווי זיי שטייען למעלה איז דאס אין אן אופן פון אור, "נר מצוה ותורה אור", דערנאך קומען זיי אראפ אין "טורי דפרודא" און אין "עלמא דחשוכא", איז דאס בדוגמא ווי א זריעה, אז כדי ס'זאל זיין "יציץ ופרח ישראל" דארף דאס זיין דוקא דער גרעין, דער זרע, אריינגעלייגט אין ארץ, און דארט ווערט דאס נרקב און ס'שטייט אין א ביטול, און דורך דערויף איז "יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל תנובה", כמבואר בארוכה אין די דרושים פון "הבאים ישרש יעקב" – איז דורך דערויף ווערט דערנאך "ולישרי לב שמחה", אז ס'ווערט דער "לבם ברשותם" און מ'איז עובד הוי' בשמחה ובטוב לבב.

ביז וואנענט אז ס'ווערט דער ענין פון "ישבו ישרים את פניך" – נאך העכער ווי דער אור, און דא האט ער מיט "פניך" אליין, כמבואר אויך, בקיצור על כל פנים, אין רשימות פון צמח צדק אויף דעם פסוק "אור זרוע לצדיק".

און דאס ווערט אין אן אופן פון שמחה וטוב לבב, וואס שמחה פורץ גדר, אז נאך זייענדיק א נשמה בגוף, אין עולם הזה הגשמי, איז ער פורץ גדרו של עולם, ביז וואנענט אז "נגש הקוצר בזורע", ווי די גמרא זאגט אין תענית, ווי אזוי ס'וועט זיין לעתיד לבוא, וואס דעמאלט וועט זיין דער עולם בשלימותו – וועט זיין די זריעה צוזאמען מיט דעם קוצר, על דרך זה אויך תלד אשה מיד, מ'וועט ניט דארפןווארטן קיין תשעה חדשים, כמבואר בדרושים דער ענין, ביז דער ענין כפשוטם – אז דעמאלט איז דער "לקבל שכרם" גלייך נאך דעם "לעשותם".

וואס דאס איז אויך בכללות וואס מ'זאגט, אז דערנאך וועט זיין דער "שירו להוי' שיר חדש", ווי די גמרא זאגט אין פסחים, און תוס' ברענגט פון מכילתא, אז דאס איז "ונאמר לפניו שיר חדש", אז דאס איז א חידוש אז ס'וועט זיין א גאולה שאין אחרי' גלות, ווארום ס'איז דא דער גמר כל הבירורים, ביז "את רוח הטומאה אעביר מן הארץ", אז דאס וואס דער "צדיקו של עולם" האט איינגעזייט דעם "אור", און האט דאס איינגעזייט אין "ועמך כולם צדיקים", וואס זיי ווערן אנגערופן "כי אתם תהיו לי ארץ חפץ" – האט דאס געבראכט דער "לישרי לב שמחה", שמחה פורץ גדר, ביז די "שמחת עולם על ראשם" בביאת משיח צדקנו.

**און** אט דאס איז אויך ווי ער זאגט אין חלק שני פון תניא, אין שער היחוד והאמונה, אז "שיתף עמו מדת הרחמים" איז דאס די אותות ומופתים וואס טרעפן זיך בא צדיקים, און דערנאך זיינען זיי דאס ממשיך אויך בעולם כולו, ביז וואנענט ווי ער זאגט נאך "שירו להוי' שיר חדש", אז דאס וועט מען וויסן אין "כל אפסי ארץ", און דאס וועלן וויסן "כל אפסי ארץ".

וואס די הכנה לזה און די הקדמה לזה איז דאס על ידי מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, אז בשעת אין גלות גופא איז דא דער ענין פון דער גאולה פון נשיאו של הדור, וואס "הנשיא הוא הכל", און דערנאך איז מען דאס ממשיך אין מעשה בפועל, דורך הפצת תורתו און הפצת התורה ומצוותי' במיוחד, ביז "יפוצו מעיינותיך חוצה" – אט דעמאלט ווערט גלייך דער ענין פון "קאתי מר" דא מלכא משיחא, בשעתא חדא וברגעא חדא, בגאולה האמיתית והשלימה בעגלא דידן ממש.

# קיצור וסיכום
# שיחה א'

## תוכן השיחה: חשיבות האחדות

בכל התכנסות של יהודים רבים מודגש ענין האחדות, דבר המוסיף בברכת ה'.

האחדות מקבלת משנה-תוקף כאשר היא קשורה עם 'תורה', שבה אנו מוצאים את ענין האחדות בשלושה עניינים: א) התנאי למתן-תורה היה אחדות עם ישראל. ב) פסק-דין בתורה הוא אחיד לכולם, למרות ריבוי הסברות והחילוקים שבין לומדי התורה. ג) פעולת התורה היא גם לפעול אחדות בעולם כולו, שהרי "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם".

ועל ידי זה הצליח אדמו"ר הריי"צ לעמוד כנגד כל הקשיים - כשהלך בכחה של התורה, ובכחו של כל עם ישראל בכל הדורות.

בזכות עבודתו ומסירות-נפשו, יש גם לנו את הכח והעוצמה להתגבר על חשכת הגלות.

### אחדות בני ישראל

9 דק'

התכנסות של יהודים פועלת אחדות ביניהם. בפרט כאשר ההתכנסות קשורה עם "תורה" - שעניינה הוא לאחד את בנ"י. וכפי שהדבר בא לידי-ביטוי במתן-תורה שהאחדות היוותה תנאי לקבלת התורה; וגם לאחר מתן-תורה שיש ריבוי סברות בתורה, התורה פועלת אחדות בכך שפסק-הדין הוא שווה בין כל היהודים; ואף פועלת שלום בעולם כולו.

### כחו של היחיד - מהציבור

6 דק'

וזהו גם הכח שהיה לאדמו"ר הריי"צ לעמוד בתוקף כנגד הממשלה וכו' - שהרי לא הלך בכחו לבד, אלא בכח העם היהודי כולו שהם "**בנים** אתם לה' אלוקיכם"; ויחד עם כח התורה ה"נצחית" (כולל הפירוש - שהיא המנצחת).

### הוראה מפעם - להיום

4 דק'

ישנם הטוענים: כיצד אנו יכולים ללמוד הוראה מהנהגתו של בעל-הגאולה, כאשר אנו חיים במצב אחר ועם כוחות אחרים?

המענה לכך: לאחרי שבעל-הגאולה סלל את הדרך ובקע מחשכת הגלות, יש לכל אחד את האפשרות להתמודד מול החושך.

והדרך לכך היא על-ידי לימוד תורה כמו "בעל-עסק" שלומד ברבים, ובפרסום הכי גדול.

בס"ד. שיחת י"ב תמוז ה'תשל"ז.

הנחה פרטית בלתי מוגה

**שיחה א:**

## חשיבות האחדות

## אחדות בני ישראל - 9 דק'

**א.** אז ס'קלייבן זיך אידן צוזאמען, איז דאס אליין – איז דאך שוין א דבר גדול, און ביז וואנענט אז מ'זאגט אז אויב "כולנו כאחד", איז שוין דאס פועל און איז ממשיך און ברענגט אראפ "ברכנו אבינו", און ווי דער אלטער רבי טייטשט דאס אפ די שייכות אז וויבאלד אז "כולנו כאחד" – איז דאס איז א סיבה אויף "ברכנו אבינו", אין תניא פרק "לב", פרק ל"ב.

על אחת כמה וכמה אז דאס איז פארבונדן מיט אן ענין פון תורה, וואס תורה איז דאך איר ענין אויף פאראייניציקן און פארבינדן, ביז וואנענט אויף מאכן איין זאך פון אלע אידן בכל קצוי תבל,

ווי מ'געפינט דאך אויך אז אלס הקדמה און אלס א תנאי צו מתן תורה און קבלת התורה, איז געווען אט דאס וואס "ויחן שם ישראל נגד ההר", "ויחן" לשון יחיד,

און ווי רז"ל דערציילן און זיינען דאס מסביר אין מדרש, אז דאס איז א סיבה אז בשעת דער אויבערשטער האט געזען אז "ויחן ישראל", אז אידן, ניט קוקנדיק וואס דאס איז ששים ריבוא אנשים, און חוץ דערויף נשים וטף, ווי דערציילט אין חומש, און אף על פי כן שטייען זיי אלע אין א תנועה – אין א מצב – אז מ'קען זאגן על פי דקדוק לשון יחיד אויף אלע צוזאמען – איז דאס האט אויפגעטאן דער ענין פון מתן תורה, ווי כמבואר בארוכה אין מדרש.

וואס דערפאר איז אויך דערנאך, אויך תורה איז פארבונדן מיט אחדות ביי אידן,

וואס דערפאר איז דאך, אף על פי – כאטש אפילו – "אין דיעותיהן שוות", און תורה איז דאך אן ענין וואס קומט אראפ אין הבנה והשגה – אין פארשטאנד, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אויך די שקלא וטריא מיט די סברות אין תורה זיינען אויך פארשידן,

ביז ווי דער אריז״ל זאגט אז וויבאלד אז נשמות כלליות איז דא ששים ריבוא – זעקס הונדערט טויזנט – איז דערפאר איז אויך יעדער ענין אין תורה האט זעקס הונדערט טויזנט פירושים על דרך הפשט, אזוי אויך על דרך הרמז און על דרך הדרוש און על דרך הסוד.

איז ניט קוקנדיק אויף די גרעסטע און העכסטע פארשידנארטיקייט אין תורה, ביז וואנענט אז זי טיילט זיך אויף זעקס הונדערט טויזנט כללות׳דיקע חילוקים – איז דאס בנוגע צו דער שקלא וטריא, צו דעם אריינטראכטן זיך און מתבונן זיין זיך, און אין אן אופן – אין דיביידע זאכן – מיט אן אורך ורוחב ועומק; די מסקנא אבער – דער אויספיר – איז אלעמאל דער זעלבער פסק דין פאר יעדער אידן און פאר אלע אידן,

און ווי דער לשון הכתוב ״תורה אחת״, אז די הוראה – די אנווייזונג – בהנוגע לפועל איז דאך דאס פאר אלע אידן די זעלבע, פון דעם גדול שבגדולים ביז דעם קטן שבקטנים.

וואס דאס קען דאך אויסגעפירט ווערן דורך דערויף וואס ס׳איז דא דער ״נעשה״ אלס הקדמה ל״נשמע״, אז אויב אפילו ביי אים לייגט זיך נאך ניט אפ אין זיין שכל פארוואס דער פסק דין איז באופן כזה ווי ס׳קומט אויס נאכן שכל פון רוב – טוט ער דאס בשמחה ובטוב לבב,

און ווי מבואר אויך אין הלכות סנהדרין פון דעם רמב״ם, און בכלל אין הלכות הוראה, אז ווי גרויס א איד זאל ניט זיין, אויב נאר זיין דיעה איז במיעוט – איז אט דעמאלט דארף ער טאן כדעת הרוב,

און ווי דערציילט בארוכה בנוגע צו ר׳ יהושע בן חנניא און רבן גמליאל נשיא ישראל, אז ר׳ יהושע בן חנניא האט מקיים געווען במעשה בפועל לויט דעם פסק דין וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון סנהדרין, וואס דער נשיא איז דארט געווען רבן גמליאל – אף על פי וואס ער האט געהאט ראיות חזקות על פי שכל אז ס׳האט געדארפט זיין אנדערש, און ווי רבן גמליאל האט אים אויף דערויף געזאגט ״רבי וחברי״ – אז ער איז ״רבי בחכמה״, און פונדעסטוועגן איז דער פסק דין גילטיק אויך פאר ר׳ יהושע בן חנניא.

און דאס איז א זאך וואס אויף דערויף האלט זיך דער אידישער פאלק, אז מ׳גייט על פי הוראות התורה, איז דאס ניט דער פשט אז דאס מוז מען ווארטן ביז דאס וועט זיין פארשטאנדיק אין שכל; וויבאלד אז תורה זאגט אזוי – איז

א זיכערע זאך אז דאס איז דער אמת, און דאס איז אמת אין "תורת חיים", אין די אנווייזונגען ווי אזוי צו לעבן אין דער וועלט, בעולם הזה הגשמי.

וואס דערפאר טוט ער דאס בשמחה ובטוב לבב – אף על פי וואס אין זיין שכל האט ער דאס נאך ניט פארשטאנען, ער איז אבער זיכער אז סוף כל סוף וועט ער דאס אויך פארשטיין,

ואדרבא, דורך דערויף וואס ביי אים איז דא די הקדמה פון "נעשה", ער טוט בפועל ווי תורה הייסט אים – איז אט דעמאלט דאס גופא היילט צו ער זאל דאס אויך פארשטיין אין זיין שכל אויך, במשך הזמן על כל פנים.

וואס דאס איז ווי געזאגט פריער, אז תורה פאראייניקט אין זיך ביידע קצוות:

דארט איז די גרעסטע פאנאנדערגעטיילטקייט אין סברות און אין הבנה והסברה, און ווי ס'איז בטבע האדם, ווי געזאגט – ווי חז"ל זאגן – אז "אין דיעותיהן שוות זה לזה"-

צוזאמען דערמיט פאראייניקט דאס יעדער אידן און אלע אידן ביז וואנענט אז דאס ווערט איין מציאות, וואס על פי דקדוק זאגט מען אויף דערויף "ויחן" לשון יחיד,

און מ'זאגט אז דאס איז "תורה אחת" פאר "גוי אחד", אז יעדער טייל פון דעם "גוי" איז דאס פון א פאלק וואס ער איז "אחד" אין אלע זיינע טיילן, ווערט דאס פאראייניקט אין איין מציאות – א מציאות פון א "ציבור" אין דעם העכסטן אופן, ווי גערעדט בארוכה בא די פריערדיקע געלעגנהייטן.

און עד כדי כך איז תורה פאראייניקט – ביז וואנענט אז ווי דער רמב"ם ברענגט אראפ פון ספרא אז "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם", אז די זאך פון תורה וואס זי איז אראפגעגעבן געווארן און אראפגענידערט געווארן אויך אין וועלט און אין וועלטישע זאכן – איז דאס דוקא וואס דורך דערויף ווערט א שלום, און אן אמת'ער שלום – א פאראייינציקטקייט פון אלע זאכן אין וועלט – כאטש אפילו וועלט איז דאך פאנאנדערגעטיילט, און ביז וואנענט אז מ'זאגט אויף דערויף "מה רבו מעשיך", אז דאס איז אין א ריבוי גדול ועצום.

וואס דערפאר איז, אז צוזאמען מיט "כולנו כאחד" – איז דאס נאך פארבונדן מיט אן ענין פון תורה, איז ווערט נאך דער "כאחד" נאך שטארקער און נאך טיפער.

בשעת דער ענין ברענגט נאך דערנאך אויך אראפ א מעשה בפועל, וואס בהנוגע צו מעשה המצוות זיינען דאך אלע אידן דעם זעלבן אופן, בנוגע צו מצות תפילין אדער שמירת שבת וכיוצא בזה – קומט די פאראייניקייט פון אלעמען צוזאמען ביז אז דאס ווערט איין מציאות, אראפ אויך אין מעשה בפועל.

## כחו של היחיד - מהציבור 6 דק'

**ב.** וואס אט דעמאלט ווערט אויך פארשטאנדיק אין צוזאמענהאנג מיט דער פאסירונג פון י"ב-י"ג תמוז:

ווי קומט דאס אז איין און איינציקער מענטש שטעלט זיך אנטקעגן א מלוכה אדירה, א שטארקן רעזשים מיט א שטארקן סדר, מיט א מיליטער און מיט "קע-גא-בע" און מיט אלע ערליי זאכן וואס האבן געהאלטן אז די אויפפירונג דארף ניט זיין, – פון מאכן חדרים פאר קליינע קינדער, ישיבות און מקוואות וכיוצא בזה, און שטעלט זיך איין אין סכנה, וואס דאס, לכאורה, האט דאך קיין ארט ניט אין שולחן ערוך, אין תורה? -

איז דער ענטפערט אויף דערויף, אז דאס איז ניט דאס האט זיך אנטקעגנגעשטעלט אן איינציקער מענטש מיט זיינע אייגענע כוחות, נאר ער האט דאס געטאן אלס א פארשטייער און אלס א שליח פון דער תורה מיט אירע אנווייזונגען אויף צו פארשפרייטן תורה אומעטום, אנהויבנדיק פון גאר קליינע קינדער.

און בשעת מ'גייט מיט דעם כח און מיט די שליחות פון תורה – גייט מיט דער גאנצער אידישער פאלק פון אלע דורות, וואס ס'איז געווען ביז דעמאלט און פון אלע דורות וואס וועלן זיין נאכדעם,

און זיי אלע גייען מיט מיטן כח וואס זיי זיינען "בנים אתם לה' אלקיכם": זיי זיינען קינדער פון דעם אויבערשטן – יעדערער פון זיי און אלע צוזאמען – ביז אין אן אופן פון "בני בכורי ישראל", אז דאס איז בדוגמא ווי אן עלטסטער זון – אן עלטסטער קינד ביי א פאטער.

וואס אט דעמאלט איז פארקערט – לייגט זיך אין שכל אז ער דארף זיך ניט און האט זיך ניט וואס צו רעכענען מיט אלע שטערונגען, ווארום במה נחשב הוא – וואס פארא חשיבות און א שטארקייט קען מען האבן אפילו

הונדערטער מיליאנען – לגבי די טויזנטער מיליאנען פון אידן, מיט זייערע נשמות מיט זייערע קינדער און קינדס-קינדער; ווען זיי קומען צוזאמען מיט דער אייביקער תורה,

וואס "התורה היא נצחית" – האט דאך דאס דעם איינפאכן אפטייטש אז דאס איז אן אייביקע תורה, און אויך "נצחית", האט דאך אויך דעם אפטייטש פון לשון נצחון – אז זי קומט אריבער אלע שוועריקייטן,

ביז וואנענט אז דאס ווערט אויך פארשטאנדיק אין שכל, וויסנדיק אז דאס איז אן אנווייזונג פון דעם אויבערשטן וואס דער אויבערשטער איז יודע עתידות, און בשעת ער האט אנגעזאגט אז א איד זאל זיך פירן לויט ווי ס'שטייט אין תורה,

און האט דערביי אויך אנגעזאגט אז דאס איז "חוקת עולם לדורותיכם": דאס איז אן אייביקע אנווייזונג אויף אלע אייערע דורות, און האט דערביי געוואוסט, אז ס'וועט זיין א דור און א מדינה וואס דארט וועט דאס זיין פארבונדן מיט שוועריקייטן און פונדעסטוועגן האט ער געהייסן אזוי צו טאן – איז דאך א זיכערע זאך אז סוף כל סוף וועט מען ממלא זיין – ערפילן – דעם אויבערשטנ'ס רצון.

ואדרבא – אין אזא אופן אז ס'וועט נאך צוקומען, ווי מ'זעט דאך אויך בא דעם ענין פון י"ב-י"ג תמוז, אז סוף כל סוף איז דורך דערויף צוגעקומען יתר שאת ויתר עוז – מערער חיות און מערער שטארקייט – אין פארשפרייטן תורה און מצוות – און אידישקייט בכלל – אין יענער מדינה און אין אלע מדינות – צוויי מאל אזויפיל און דריי מאל אזויפיל און כמה פעמים ככה, פיל מאל אזויפיל.

און אין אן אופן אז דאס ווערט פארשפרייט פון "טופח על מנת להטפיח", אז מ'ווירקט איין אויף קליינע קינדער, אז פון קליינווייז אויף וואקסן זיי אין אן אופן אז זיי זאלן ווערן "להטפיח" – אז זיי זאלן ווערן משפיעים און פארשפרייטער פון תורה ומצוותי', ווען זיי ווען דערגרייכן דעם עלטער און האבן די מעגלעכקייט צו טאן דאס, בשמחה ובטוב לבב.

און דאס ווערט אלץ געטאן בהצלחה רבה ומופלגה.

## הוראה מפעם – להיום – 4 דק'

**ג.** וואס דאס איז אויך ס'איז דאך אן ענטפער אויף די וואס פרעגן, אז בשעת מ'קומט זיך צוזאמען און מ'פארבינדט זיך, פון דערמאנען זיך און מעורר זיין זיך אט דאס וואס האט געטראפן מיט דעם בעל הגאולה וואס ער איז נגאל געווארן בי"ב-י"ג תמוז,

און מ'האט דאך אין דערויף דעם כלל אז "המעשה הוא העיקר": פון יעדער צוזאמענקונפט פון אידן – על אחת כמה וכמה פון מערער אידן – פון יעדער ענין פון חכמה והבנה דארף אראפקומען במעשה בפועל –

ווי אזוי קען מען זיך צוגלייכן צו זיין חיות און צו זיין מסירות נפש – אט יעדערער וואס קלייבט זיך צוזאמען אין אן אנדער מדינה, אין אן אנדער צושטאנד און וויסנדיק זיינע כוחות?

איז אויף דערויף דער ענטפער, אז נאך דערויף ווי ער האט דורכגעטראטן די וועג און האט געשפאלטן די פינסטערקייט פון די גזירות אנטקעגן תורה ומצוותי', און האט אריינגעבראכט אהינצו דעם אור תורה ואור מצוות, [און ווי ער האט געזאגט ג' תמוז, און דערנאך ממשיך געווען, אז נאר די אידישע גופים געפינען זיך אין גלות אבער די נשמה איז מלכתחילה נישט געגאנגען אין גלות] -

איז אט דעמאלט ווערט דאס א דורכגעטראטענע וועג פאר יעדער אידן, אפילו פאר א קטן שבקטנים, א פשוט שבפשוטים, אז ער זאל קענען שפאלטן דעם חושך וואס ס'איז געבליבן: נאך דערויף וואס ס'האט געשיינט די מסירת נפש פון דעם בעל הגאולה, איז דאך נאך געבליבן חושך בעולם הזה הגשמי –

איז אבער דא די דורכגעטראטענע וועג, און אנגעוויזן געווני די מיטלען און די פעולות דורך וועלכע מ'קען דאס דערגרייכן, אז דער חושך זאל ניט פארשטעלן ביז וואנענט אז "לילה כיום יאיר", אז די נאכט און די פינסטערקייט פון גלות – זאל אין דערויף אריינשיינען "נר מצוה ותורה אור",

ביז "אתהפכא חשוכא לנהורא", אז מ'קערט-איבער – מ'איז מהפך – דעם חושך, אז ער אליין זאל ווערן ליכטיק.

און די וועג איז אויך אנגעצייכנט קלאר אין דעם ערשטן בריוו פון דעם בעל הגאולה וואס ער האט פאנאנדערגעשיקט ווען מ'האט דעם ערשטן מאל

חוגג געווען – געפייערט – דעם י״ב-י״ג תמוז, אז דאס איז דורך לערנען תורה,

און לערנען תורה אין אן אופן פון ״עוסק בתורה״: ניט באגנוגענען זיך וואס ער לערנט מיט זיך אליין שטילערהייט, נאר מאכן דערפון – ווי מ׳פירט זיך אין אן עסק – ברבים און מיט דעם גרעסטן פרסום וואס ס׳קען זיין, און מיט חיות און מיט ליכטיקייט.

און אט דעמאלט איז א זיכערע זאך, אז דאס וועט אראפקומען אויך אין מעשה בפועל.

און אט דעמאלט איז ווערט אויך דורך דער ״רוב המעשה״ – ווערט ליכטיק די פינסטערקייט וואס איז נאך פארבליבן.

און דאס ווערט אויך די צוגרייטונג, די הכנה קרובה, אז פון דער גאולה וואס יעדערער ״לייזט זיך אויס״ פון דער פינסטערקייט וואס איז ארום אים, דורך צוגעבן אין פארשפרייטן ״נר מצוה ותורה אור״, די ליכטיקייט פון תורה און אירע מצוות, פון אידישקייט –

איז אלע ליכטיקייטן צוזאמען קלייבן זיך צוזאמען און פארברענען די לעצטע שיריים, – די לעצטע רעשטלעך – וואס ס׳איז נאך געבליבן פון חומת הגלות – פון גלות׳קייט בא זיך אינעווייניק, און דער גלות וואס איז אויך אויסווייניק.

און ס׳ווערט דער ״קץ שם לחושך״, אז דער אויבערשטער פארענדיקט דעם חושך הגלות בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, דורך דער פולקאמענע גאולה פון יעדער אידן און אלע אידן דורך משיח צדקנו,

בקרוב ממש, ובשמחה ובטוב לבב.

# קיצור וסיכום
# שיחה ב'

## תוכן השיחה: החלטה פרטית - חינוך

פעמים רבות, בזמני התעוררות אנשים מקבלים על עצמם החלטות טובות ורצון להיות טובים, אבל לא תמיד זוכרים לפרוט את ההחלטות לדברים פרטיים, נקודתיים. וכאשר נשארים בעניינים הכללים, עלולים לכאורה, להשאר בהחלטה בלבד, ולא לבוא לידי פועל.

לכן, לאחר המדובר בשיחה הקודמת אודות ענינו **הכללי** של י"ב-י"ג תמוז, צריכה להיות גם החלטה פרטית.

מאחר וי"ב-י"ג תמוז קשור במיוחד עם חינוך ילדים קטנים, שהרי זו היתה עיקר הסיבה למאסר, מובן שההחלטה צריכה להיות בענין זה.

חינוך הילדים בעודם קטנים הוא חשוב ביותר, וככל שיעמידו את הילד כראוי בקוטנו - כך יגדל להיות "אילן עושה פירות".

במהלך השיחה הרבי גם מתייחס בהרחבה למעלת הזריזות.

### החלטה כללית

2 דק'

כאשר מדברים אודות ענין באופן כללי, ומקבלים החלטה באופן כללי - לא תמיד מגיעים הדברים לידי פועל.

### מעלת הזריזות

4 דק'

בכל רגע צריך האדם לבצע את המוטל עליו ברגע זה, כי אם לא ינהג כך הרי הוא מאבד את הרגע, ולעולם לא יוכל לתקן! וזאת בנוסף לחשש, ש"אם לא עכשיו - אימתי"?!

### "עוללים ויונקים"

9 דק'

י"ב-י"ג תמוז שייך באופן מיוחד לחינוך ילדים קטנים, שהרי א) עיקר סיבת המאסר והגאולה היה מצד חינוך הילדים. ב) במאמרו - שקדם למאסר - מדובר אודות "מפי עוללים ויונקים יסדת עז". ג) במכתבו לאחר הגאולה מקשר הרבי הריי"צ את היום לחינוך הילדים.

על כן ה"החלטה פרטית" שיש לקחת מי"ב-י"ג תמוז היא חינוך הילדים, וכאשר מחנכים את הילד בקטנותו בחינוך יהודי אמיתי, הוא גדל להיות בעצמו אילן העושה פירות

## החלטה פרטית - חינוך

**שיחה ב:**

# החלטה כללית - 2 דק'

**ד.** בטבע בני אדם, ווי מ'זעט דאס אויך בפועל ובמוחש, אז בשעת מ'פארבינדט זיך מיט א החלטה כללית, מיט אן אלגעמיינעם ענין, מיט אן אלגעמיינעם אויסדרוק, וואס האט אין זיך כמה וכמה פרטים – איז דאס נאך ניט נאענט צו מעשה בפועל, וואס "המעשה הוא העיקר",

ווארום בשעת מ'זאגט אים אז דאס איז פארבונדן מיט תורה מיט אלע אירע מצוות – בלייבט נאך נאך; ער קען דאך ניט אנהויבן און טאן אלע זאכן מיטאמאל – קען אוועקגיין אן "עידן ועידנים" – א צייט און א סך צייטן – ביז וואנענט ווען מ'וועט אראפקומען במעשה בפועל, מצד דער טראכטעניש און די שקלא וטריא וואס וועט זיין פריער, און וואס וועט קומען אלס צווייטע און אלס דריטע וכו'.

וואס דערפאר איז זעט מען דאך אלעמאל אז ס'איז דא אן ענין כללי, אפילו א סברא כללית – איז פרעגט גלייך די גמרא "מאי בינייהו", און ברענגט אראפ א נפקא מינה אין אן ענין פרטי, אין א הלכה פרטית, אז אין דער הלכה פרטית, אין דעם פרט, איז דא אן אונטערשייד צי מ'וועט גיין אין דער שיטה און מיט דער סברה און מיט דער הנחה – מיט דעם אפלייג – אין שכל, אויב אבער מ'וועט נעמען די צווייטע שיטה – איז אט דעמאלט אין דעם פרט וועט ארויס אין אן אנדער אופן דער פסק דין מיט די הוראה מיט דעם מנהג.

אזוי איז אויך בנידון דידן, אז נאך דערויף ווי מ'ווייס דער ענין כללי וועגן וואס ס'האט זיך געהאנדלט דעמאלט, און וואס דער בעל הגאולה האט דערנאך געשריבן אין זיין בריוו,

וואס דארטן שרייבט ער פריער דעם ענין בכללות, וועגן תורה און מצוות און יהדות – און אידישקייט – און ווי ער רעכנט דארט אויס די כמה סוגים שבדבר,

# מעלת הזריזות – 4 דק׳

**ה.** איז כדי דאס זאל גלייך אראפקומען במעשה בפועל, און ווי גערעדט כמה פעמים, אז יעדער רגע וואס א איד האט און וואס בכלל וואס סאיז דא אין וועלט – איז דאס אן ״אבידה שאינה חוזרת״.

ס׳איז דאך דא וואס מ׳טראכט בא זיך אז וואס איז אזוי נוגע דער זריזות, על אחת כמה וכמה אז מ׳זאגט אים נאך ״חטוף ואכול חטוף ושתי״, ער זאל זען ״כאפן״ אלץ וואס ס׳קומט אונטערן האנט ענינים פון טוב וקדושה – איז וואס איז אזוי א הכרח דער ענין פון זריזות? ער האט נאך צייט און וועט זיך מיישב זיין, און ״אם לא עכשיו״ וועט ער דאס טאן מארגן אדער איבערמארגן, ביז ״מחר לאחר זמן״.

וואס אויף דערויף איז פשוט – דאס איז ניט פארבונדן מיט אמונה, מ׳זעט דאס בפועל – אז א רגע וואס גייט דורך איז דאס א פארפאלענע זאך, און אויב ער האט דאס ניט אויסגענוצט אויף וואס מ׳האט דאס געקענט אויסנוצן און געדארפט אויסנוצן – איז דאס פארפאלן!

אפילו ער וועט טאן די זאך אין א צווייטע רגע, אדער אויף מארגן און איבערמארגן – אבער אט די רגע איז ביי אים געבליבן א פוסטע, א רגע וואס ער האט דעמאלט ניט געלעבט זיין לעבן ווי דער לעבן דארף געלעבט ווערן.

על אחת כמה וכמה אז מ׳קען דאך ניט זיין זיכער, ובלשון המשנה, אז ״אם לא עכשיו״ – אויב ער וועט ניט ארייננכאפן בזריזות גלייך טאן דעם ענין – איז ווערט א ספק ״אימתי״? צי ס׳וועט אמאל זיין א צייט און א געלעגנהייט ער זאל קענען די זאך טאן, ווען ביי אים וועט אויסקומען אז איצטער קען מען שוין מערניט אפלייגן.

וואס דערפאר איז כאטש ס׳דארף אויך זיין א פעולה אין אלע ענינים פון תורה ומצוותי׳, און ווי דער לשון הכתוב ״יקים את כל דברי התורה הזאת״,

ובפרט בהנוגע צו לימוד התורה איז דאך אויך דער פסק דין, אז אפילו אז ער האט געלערנט א גאנצן מעת לעת נאכאנאנד, ס׳איז אבער געווען איין רגע וואס ער האט געקענט לערנען און ער האט ניט געלערנט תורה – איז ״עליו נאמר״, ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ פון סנהדרין גלייך אין תחילת – אין אנהויבס – פון זיין ספר פון ספר התניא.

אט דאס וואס ער האט אויסגענוצט די דריי און צוואנציק שעה מיט פופציק ניין מינוט ווי ס'דארף צו זיין, וועט ער האבן א שכר גדול ונפלא, דער שכר וואס ס'קומט פאר תלמוד תורה וואס זי איז "כנגד כולם" -

דאס באפרייט אים אבער ניט אויסנוצן אויך די מינוט וואס ס'שטייט לרשותו און וואס ער קען איר אנפילן מיט לימוד התורה, און אין דערויף איז דא די גאנצע שטארקייט און די הארבקייט, אז מ'מוז אויך די מינוט אויסנוצן אויף וואס מ'דארף איר אויסנוצן.

## "עוללים ויונקים" – 9 דק'

**ו.** צוזאמען אבער דערמיט, ווי געזאגט, דארף מען אבער גלייך אנהויבן מיט א מעשה בפועל.

כדי ס'זאל זיין א מעשה בפועל, און ס'קען דאך ניט זיין אלע מעשים פון אלע תרי"ג מצוות בבת אחת, אפילו דער לימוד פון זייערע הלכות קען ניט זיין בבת אחת – איז אט דעמאלט איז גיט מען אויך גלייך ארויס, און אין דעם זעלבן בריוו און אין דער זעלבער הנהגה, א התחלה טובה – מ'זאל גלייך דערפון אנהויבן,

און דאס איז פארבונדן במיוחד – ספעציעל – מיט דעם ענין פון חינוך, פון חינוך פון גאר קליינע קינדער.

ווי מ'זעט דאך אויך אז דער מאסר וגאולה איז געווען פארבונדן, דער עיקר שווערקייט איז געווען, ניט אזוי פאר לערנען תורה מיט ערוואקסענע, נאר פאר לערנען תורה מיט קליינע קינדער.

און ווי מ'זעט דאך אויך אז אין דעם מאמר הידוע פון "קיימו וקבלו עליהם היהודים" וואס דער בעל הגאולה האט אים געזאגט אין פורים קטן וואס איז געווען דעם זעלבן יאר – אבער פאר – דעם מאסר וגאולה, און וואס אט דעמאלט האט זיך שוין אנגעהויבן די הכנה צו דעם מאסר און די גאולה,

און דארטן איז ער מדגיש און אונטערשרייכט און מערערע מאל דעם ענין פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם", אז מ'דארף זיך אריינווארפן און טאן מיט מסירת נפש אז "עוללים ויונקים" – זאל זיין "יסדת עוז", און ווי ער זאגט אין מדרש "אין עוז אלא תורה".

ואדרבא – אט דאס איז אויך א הכנה און א צוגרייטונג און א מיטל אז מ׳זאל מבטל זיין די גזירות און די שוועריקייטן בהנוגע צו לימוד התורה וקיום מצוותי׳ וואס ס׳איז דא אויך ביי ערוואקסענע, די גזירות וואס נעמען זיך מצד ״אויב ומתנקם״.

און ווי מ׳זעט דאך אויך בהנוגע צו די פעולות פון בעל הגאולה נאך דער גאולה, ובפרט ווען ער איז געקומען אין דער מדינה, איז דאך געווען לכל לראש – צום אלעם ערשטן – און מיטן גרעסטן שטורעם, דעם ענין החינוך ״מפי עוללים ויונקים״.

צוזאמען דערמיט מיט מפיץ זיין פנימיות התורה – קבלה און חסידות, מיט מפיץ זיין נגלה דתורה – אין שקלא וטריא ופלפולה של תורה, איז דער גרעסטער שטורעם איז געווען, און פאנאנדערגעשיקט בכמה עיירות ובכמה מקומות אויף מייסד זיין מוסדות וואס דארטן זאלן מען גלייך אנהויבן מחנך זיין קינדער אז בא זיי זאל זיין ״עוז״ זו תורה, און לימוד התורה המביא לידי מעשה, און אין אן אופן פון ״יסדת״ – אז מ׳דארף ערשט אנהויבן פון לייגן דעם יסוד – דעם גרונט – דערפון,

און מ׳איז גלייך מבטיח אז דאס איז די וועג אויך אויף ״להשבית אויב ומתנקם״, אויף אראפנעמען די שטערונגען פון דעם יצר הרע שבפנים, און אויך פון דעם יצר הרע שמבחוץ, אנטקעגן ״דבר ה׳״ ״זו תורה״ און ״זו הלכה״ און אנטקעגן מצוותי׳ וואס דאס איז דער תכלית ושלימות התורה, ״גדול לימוד שמביא לידי מעשה״.

**ז.** וואס דאס איז אויך די הוראה פאר יעדערן פון אונז דא און פאר די אלע וואס ווייסן וועגן דעם ענין פון י״ב-י״ג תמוז,

אז צוזאמען מיט די החלטה כללית בנוגע צו ביסוס והפצת כללות התורה ומצוותי׳, ביז א ״דקדוק קל של דברי סופרים״ – א פירוש חז״ל אין איין ווארט פון תורה, ווי דער רמב״ם רעכנט דאס אויס בהנוגע אז דאס איז אן עיקר, און חס ושלום אויב איין זאך פעלט איז דעמאלט היפך פון ״מודה בעיקר״ –

מוז צוזאמען מיט די החלטה כללית אויך זיין פעולות ממשיות למטה מעשרה טפחים אין מעשה בפועל,

אנהויבנדיק פון דעם ענין פון ״עוללים ויונקים״.

און ווי מ׳זעט דאך אויך בפועל אז ווי מ׳שטעלט אוועק דעם ״חנוך לנער״, דעם חינוך פון גאר קליין ווייז אויף ביז ״משהתינוק מתחיל לדבר״, און

דעמאלט לייגט מען אין אים אריין דעם יסוד פון "תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב",

ווערט דערנאך אויפגעבויט דער קינד ווען ער וואקסט אויף, אז ס'זאל זיין אן אילן נושא פירות, ביז אזוינע פירות וואס פון זיי ווערן אויך וואקסן אילנות,

ו"אין פירות אלא מצוות", אז דורך דערויף ווערט פארשפרייט תורה ומצוותי' עד סוף כל הדורות —

דורך דער התחלה וואס לכאורה איז דאס א דבר קטן, ווארום דאס האט צו טאן מיט א קטן וקטנה, מיט לערנען תורה און ערציען קליינע קינדער בדרך התורה ווען זיי זיינען נאך גאר קליין, מערניט וואס דאס איז מצות חינוך.

אבער "זה הקטן גדול יהי'", און באקומענדיק דעם ריכטיקן חינוך איז א זיכערע זאך אז ער וועט ווערן א "גדול", ווארום מ'פארבינדט אים מיט "גדול אלקינו" — מיט דעם אויבערשטן, וואס דאס איז דער מקור פון גדלות וגבורה.

און דורך דערויף נעמט ער איין זיינע ד' אמות, — דער קינד ווען ער וואקסט אויף — און דאס ווערט אויך א הכנה און א התחלה און א פעולה אז ער ווירקט אויס אויף זיינע עלטערן און אויף דער גאנצער סביבה, אז ווי גוט ס'זיינען געווען נאך ביז דעמאלט — איז דורך זיינע פעולות קומט צו נאך מערער און נאך ברייטער און נאך טיפער,

וואס אין קדושה איז דאך אין סוף, ווארום ס'איז פארבונדן מיטן אויבערשטן, וואס ער איז אין סוף, איז ווי גוט ס'זאל ניט זיין — איז נאך דא די מעגלעכקייט פון "מעלין בקודש", און במילא איז אויך דא א חיוב אויף להעלות בקודש.

**ח.** און אט דעמאלט זעט מען אויך פרי טוב בעמלו, אז ער זעט אז די פעולה אין "עוללים ויונקים" איז געווען בהצלחה.

וואס דאס זעט ער שוין גלייך אויף מארגן און אויף איבערמארגן, ווען די קינדער זאגן "מודה אני" מיט א באנייטן חיות, ווען זיי מאכן א ברכה "שהכל נהי' בדברו", אז יעדער זאך וואס ארום אים — א ביסל וואסער — זעט ער אז דאס איז געווארן דורך דבר ה', וואס "לעולם ה' דברך נצב", וואס דער אויבערשטער האט אויפגעמאכט די וואסער, וואס דערפאר קען ער זיי טרינקען, און דערפאר דארף ער אויך דאנקען דעם אויבערשטן דורך די ברכה וואס ער מאכט פריער.

וואס אט די פירות זעט דאך דער ריכטיקער מחנך גלייך אויף מארגן און אויף איבערמארגן;

איז אויך ווי בטבע בני אדם, ובפרט נאך על פי תורה, אז מ׳זעט פרי טוב בעמלו איז דאס מוסיף – גיט דאס צו – א באנייטן חיות און באנייטע שטארקייט אין ממשיך זיין – אין פארזעצן – אין חינוך פון ״עוללים ויונקים״. און דערנאך איז מען זוכה אז די ״עוללים ויונקים״ ווערן בר מצוה און נאך בר מצוה, און זיינען נאך אלץ תלמידים ומושפעים און מקבלים פון דעם מחנך,

און אלע צוזאמען ״מאיר עיני שניהם הוי׳״, ווי די גמרא זאגט אין תמורה, אז ס׳קומט אים אויך צו, דעם משפיע און דעם מחנך, וואס אים דארף נאך צוקומען אין זיין אור, ביז וואנענט אז ער ווערט אויך א מאיר – ״צדיקים דומין לבוראן״.

און דורך דעם אלעם שטעלט מען אויף אידישע קינדער אז זיי וואקסן אין דעם ריכטיקן וועג, וואס דאס איז דער דרך המלך – מלכו של עולם, ״דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט״, ווי מ׳זאגט בהנוגע צו אברהם, וואס ״אחד הי׳ אברהם״ – דער ערשטער איד, און ער האט דאס ״יצוה את בניו ואת ביתו אחריו״ אז מ׳זאל גיין אין ״דרך ה׳״.

און דורך דערויף ווערט דער ״סולו סולו פנו דרך״, אז מ׳טרעט דורך און מ׳שטארקט די וועג, און זי איז א וועג וואס ווערט אפגערייניקט פון אלע ערליי מכשולים און שוועריקייטן, און מ׳גייט לקבל פני משיח צדקנו ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״ מיט ״קהל גדול ישובו הנה״,

ובמהרה בימינו ממש.

לחיים.

# קיצור וסיכום
# שיחה ג'

## תוכן השיחה: חולשת הגלות

בשיחה זו, ממשיך הרבי להסביר את ההוראה המיוחדת שיש להוציא מגאולת י"ב-י"ג תמוז בענין החינוך.

תחילה, מסביר הרבי שפעולת הגאולה היא נצחית, ופעולת י"ב-י"ג תמוז מקלה על הפעולות בענין החינוך, גם במקומות שעל-פניו נראה שהגלות עדיין בתוקפה - אי אפשר לדמות את המצב שלפני הגאולה למצב שלאחריה (וכמו שלאחר יציאת-מצרים לא שייך יותר שיעבוד אמיתי אצל בני ישראל).

הקלה נוספת שיש ליהודים במקומות אלו, היא ע"י שיהודים בארצות הרווחה מתנהגים כראוי.

ובקשר לזה, מסביר הרבי את היתרונות היחודיים שיש בזמן החופש, שבהם הילדים משתחררים מלימודי-חול בבתי הספר, ויש זמן רב יותר ללמוד תורה והפצת התורה.

וכן את מעלת החופש גם אצל יהודים העוסקים בעניני מסחר וכד'.

במהלך השיחה, מסביר הרבי כמה מעלות בחינוך ובלימוד התורה.

### חולשת הגלות

7 דק'

כאשר חוגגים את י"ב-י"ג תמוז עלולה להתעורר שאלה: האם השפעת י"ב-י"ג תמוז היא גם באותם מקומות שבהם הגלות קיימת - לכאורה - באותו תוקף כפי שהיה לפני הגאולה?

המענה לכך, שכאשר ישנה גאולה, לא ייתכן שהגלות נשארה כפי שהיתה לפני כן, אלא ניתן להתגבר עליה ביתר קלות.

כמו שרואים בנוגע לגאולת מצרים, שלמרות ש"אכתי עבדי אחשוורוש אנן" ונמצאים בגלות, לא יתכן תוקף הגלות והשעבוד כפי שהיה לפני יציאת מצרים, הקב"ה אומר ש"שטרי קודם" ולא יכול להיות עוד שיעבוד אמיתי אצל בנ"י.

### עזרה ליהודים במקומות אחרים

6 דק'

מאחר וכל היהודים הם מציאות אחת, אזי על-ידי פעולתו של יהודי אחד בענין טוב - הוא מוסיף כח ועוז אצל כל היהודים בכל המקומות. וכך גם בענין החינוך, כאשר יהודים בארצות שאין בהם גזירות נגד חינוך הילדים, מוסיפים בחינוך, הם מקלים על היהודים שנמצאים תחת גזירות - להוסיף בענין החינוך.

## זמן הקיץ

15 דק'

בימים אלו מתחילה תקופת ה'חופש'.

בימים של תקופת ה'חופש' צריכים להוסיף בעניני טוב וקדושה, כל-אחד לפי ענינו:

**תלמידים שבמהלך השנה חלק מזמנם הוא בלמודי חול:**

מאחר ובמשך השנה הם מוכרחים להעביר חלק מהזמן ללימודי-חול, בתקופת הקיץ שהם משוחררים מכך, עליהם להוסיף בלימוד תורה, או להרשם לקעמפ שכל היום בו הוא באווירת קדושה.

**תלמידי ישיבה, ואברכי כולל:**

עליהם להמשיך ללמוד. ואם אינם יכולים ללמוד לעיון, עליהם ללמוד לגירסא. ובאם אינם יכולים ללמוד כלל עליהם לנצל את הזמן הפנוי להוספה בהפצת תורה ומצוות.

**בעלי-עסק וכד':**

עליהם לנצל את ימי ה'חופש' על-מנת להוסיף בהפצת תורה ומצוות, ועי"ז יראו גם הצלחה במסחר שלהם - בפחות פיזור הנפש וטרדות.

## שיחה ג:

# חולשת הגלות – 7 דק׳

**ט.** וואס האמור לעיל, אט דאס וואס ס׳האט זיך גערעדט פריער, איז דאס ניט נאר בהנוגע צו די וואס געפינען זיך אין א מעמד ומצב וואס ס׳איז ניטא קיין גזירות, אדער וואס די גזירות זיינען אין א לייכטן אופן וואס מ׳קען זיי לייכט איבערקומען;

אפילו אט די וואס זיינען געבליבן אין א מעמד ומצב ומקום וואס לכאורה איז דא די גזירה אין דעם זעלבן תוקף און שטארקייט ווי ס׳איז געווען פאר דער גאולה,

איז אבער נאך דערויף ווי ס׳איז געווען די גאולה וואס האט געבראכן די גזירה, און געבראכן די גזירה אין אן אופן אז ס׳איז ארויסגעקומען א נס און א יום טוב וואס ווערט געפייערט – וואס ווערט געהאלטן – פון צענדליקער טויזנטער אידן בדור ההוא און אויך בדורנו זה, ובאופן דמוסיף והולך אין די דורות נאך דערויף –

איז בכל מקום שהוא, אפילו אין דעם ארט וואס לכאורה איז די גזירה ניט אפגעשוואכט געווארן, איז שוין אבער ניטא די מעגלעכקייט אז זי זאל זיין אין דעם זעלבן תוקף ווי ס׳איז געווען פריער – וויבאלד אז איין מאל האט מען איר געבראכן, און געבראכן אין אזא אופן אז ס׳איז געבליבן א נס גלוי וואס מ׳דערמאנט אים לדורי דורות, און וואס על יסוד דערפון האט מען געטאן אויך מעשה בפועל אין עולם הזה הגשמי, און אפילו אין עולם הזה החומרי.

וואס די דוגמא אין דערויף געפינט מען בהנוגע צו די ערשטע גאולה – גאולה כללית, וואס דאס איז געווען בא גאולה פון יציאת מצרים, וואס דאס ווערט דאך אנגערופן ״זמן חירותינו״–

איז דאך ידוע אין דערויף די קשיא וואס ווערט געבראכט אין ראשונים, ביז אין מהר״ל מפראג, ביז אין זהר, אז לכאורה איז ניט פארשטאנדיק:

אמת טאקע, דעמאלט איז דאס געווען ״זמן חירותינו״, ווארום מ׳איז נגאל געווארן ״מעבדות לחירות ומאפילה לאור גדול״, מיט די אלע לשונות ווי מ׳רעכנט אויס אין דערויף;

נאך דערויף אבער, אז ס׳איז געווען גלות בבל, ועל דרך זה די גלויות שלאחרי זה, וואס ״כל המלכיות נקראות על שם מצרים, על שם שמצירים לישראל״, זיי זיינען דאך בדוגמא צו גלות מצרים. איז וואס איז דעמאלט שייך זאגן אז א איד געפינט זיך אין א מצב פון ״זמן חירותינו״ — ווען תורה אליין זאגט ״אכתי עבדי אחשורוש אנן״?

און ער פארענטפערט אויף דערויף בקיצור אין זהר און נאכמער באריכות אין מהר״ל, אין גבורות הוי׳ — אין די ספרים פון מהר״ל מפראג, אז נאך דערויף ווי מ׳האט געבראכן דעם ערשטן מאל דעם שטארקסטן גלות, ווי אין גלות מצרים, און אידן זיינען ארויס לחירות — קען שוין ניט זיין א מציאות, אז א איד זאל זיין אן עבד באמיתיות ובפנימיות ובעצם ווי ס׳איז געווען די מציאות קודם גאולת מצרים.

דער ענין דוגמתו אין נגלה איז — ווי ער זאגט אין ספרא, און מ׳ברענגט דאס אראפ אויך בכמה מקומות, אז דער אויבערשטער זאגט ״אנכי הוי׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים״, און דערנאך זאגט מען אז מ׳איז ״עבד להקב״ה״ — זאגט דער אויבערשטער אז ״שטרי קודם״: דעם שטר פון דעם אויבערשטן וואס ער מאכט א אידן פאר א ״בן חירות״ — אין דערויף באשטייט די ״עבדות״ — איז דאס קודם צו די עבדות וואס איז געווען בא נבוכדנצר מלך בבל,

— אף על פי וואס ירמיהו האט אנגעזאגט ״והתפללו אל שלום העיר כי בשלומה לנו שלום״, אז מ׳דארף זיין ענינים פון ״דינא דמלכותא דינא״, מיט אלע פרטים ווי ס׳איז אויסגערעכנט ביז אין שולחן ערוך להלכה בפועל,

ביחד עם זה אבער, איז וויבאלד אז ״שטרי קודם״ — קאן ניט זיין אזא עבדות לאחרי יציאת מצרים אפילו ווען מ׳קומט אריין תחת נבוכדנצר מלך בבל און די גלויות שלאחרי זה — דערפאר וואס ״שטרי קודם״: דער שטר פון דעם אויבערשטן איז פריער.

און אז דער אויבערשטער זאגט ״הוצאתיך מארץ מצרים״, איז דאס אן ענין נצחי, אז פון דעמאלט אן קען ניט זיין אן עבדות ווי ס׳איז געווען אין ארץ מצרים.

ובלשון פון דעם בעל הגאולה, — ווי דאס איז דער ענין אין נגלה אזוי איז דאס אויך אין די געציילטע ווערטער פון בעל הגאולה — אז די נשמה איז ניט געגאנגען אין גלות,

וואס דאס באציט זיך אויף אלע גלויות. מה שאין כן אויף גלות מצרים זאגט מען "אשר לקח לו אלקים גוי מקרב גוי", און ווי ער איז מפרש בארוכה אין כתבי האריז"ל, און אזוי איז אויך בפשטות: דעמאלט איז געווען דער ענין פון עבדות, מיט אלע פרטים וואס ס'איז דא אין עבדות, אפילו בהנוגע צו אידן ווי זיי זיינען געשטאנען פאר יציאת מצרים, בשיעבוד פון ארץ מצרים.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק מן הכלל אל הפרט, אין גלות נבוכדנצר עצמו: בשעת ס'איז דעמאלט געבראכן געווארן אן ענין פון דעם גלות – איז ער געבראכן געווארן מכאן ואילך אז דעמאלט האט שוין ניט געקענט זיין אין דעם ענין קיין שיעבוד,

בדוגמא ווי ס'איז געווען דורך דעם נס פון דעם פסל נבוכדנצר, ועל דרך זה מיט דניאל'ן, מיט חנניה מישאל ועזרי' וכו', ועל דרך זה אין יעדער גלות בהנוגע צו זיינע גזירות: אף על פי וואס מ'בלייבט אונטער נבוכדנצר – איז שוין ניטא דער קושי השיעבוד אין דעם ענין וואס מ'האט אים געבראכן,

וכאמור "שטרי קודם" – אז דער אויבערשטער האט געמאכט דעם נס מיטן פסל דורא, איז אט דעמאלט אין דעם ענין פון עבודה זרה געבראכן געווארן, אז מכאן ואילך זייענדיק אין גלות בבל האט שוין ניט געקענט זיין אזא שיעבוד – וויבאלד אז מ'האט דאס דורכגעבראכן.

ועל דרך זה בהנוגע צו די גזירה פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז", אז אפילו פאר די וואס לכאורה לעיני בשר געפינען זיי זיך אין דעם זעלבן מעמד ומצב וכו' – איז דאס אבער לאמיתתו של דבר לייכטער דורכצופירן.

## עזרה ליהודים במקומות אחרים – 6 דק'

**י.** על אחת כמה וכמה אז ס'קומט נאך צו די הילף בזה, די פעולות בשטח זה דורך אלע אידן ארום זיי, – בפרט אין דעם שטח, אין דעם ענין פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז" – איז אט דעמאלט העלפט דאס זיי אויך ארויס, וויבאלד אז ווי גערעדט פריער: אלע אידן זיינען "ויחן" לשון יחיד – ווי איין און איינציקער גוף, "לאחדים כאחד ממש".

און ווי מ'זעט דאס אויך בפועל בהנוגע צו גוף כפשוטו, אז בשעת מ'דארף שטארקן א גוף, אדער מ'דארף אים אויסהיילן רחמנא ליצלן פון ניט קיין געזונטקייט, פון א חולי – איז אט דעמאלט איז דער בעסטער וועג איז אז

מ׳גייט גלייך צו צו דעם אבר וואס דארף האבן א חיזוק אדער דארף האבן א ריפוי – א היילונג – און מ׳היילט אים און מ׳שטארקט אים דעם אבר באופן ישר;

אויב מאיזו סיבה שתהי׳ קען מען צום אבר ניט דערגרייכן – איז דא א צווייטער וועג, אז בשעת מ׳שטארקט דעם גוף בכללות: מ׳שטארקט און מ׳היילט די אברים וואס ארום אים, איז אט דעמאלט בדרך ממילא וויבאלד אז זיי זיינען אברים פון דעם זעלבן גוף, איז אויך אט די אברים צו וועלכע מ׳האט ניט געקענט דערגרייכן מיט דער רפואה אדער מיט דעם מזון אדער מיט די עניני חיזוק – ווערן אויך געהיילט און געשטארקט דורך דעם טיפול וואס מ׳האט געטאן אין דעם שטח, אין דעם ענין, אין שאר חלקי הגוף.

וואס אט אזוי איז אויך כמרומז אויך אין דעם בריוו פון דעם בעל הגאולה, אז דורך דערויף וואס אידן אין די לענדער וואוהין ער איז געקומען לאחרי זה, ביז אין ארצות הברית, דא אין דער מדינה, איז דורך דערויף וואס מ׳וועט טאן אין ענינים פון תורה ומצוותי׳ בכלל, און אין ענינים פון ״מפי עוללים ויונקים יסדת עוז״ במיוחד – וועט דאס מוסיף זיין כח ועוז אין די ענינים בא יעדער אידן און ביי אלע אידן וואו נאר זיי געפינען זיך,

נוסף אויף דעם ענין וואס מצד עצמו איז דאך דאס א געוואלדיקע זאך, וואס כל בית ישראל נשען עליו: אידן האלטן זיך אויף דערויף אז ס׳זאל זיין ״גדיים״, איז במשך הזמן וועלן זיי אויסוואקסן וועט זיין ״תיישים״,

וועט אויך זיין דורך דערויף דער עזר – די הילף – און די שטארקייט אין דעם זעלבן שטח בא יעדער אידן וואו נאר ער געפינט זיך, אז אים זאל אנקומען לייכטער און ער זאל טאן מיט מער הצלחה און מיט מער חיות און איבערגעבנקייט אין די שטחים, אנהויבנדיק פון דעם ענין פון ״עוללים ויונקים יסדת עוז״,

וכאמור – מיט מער הצלחה.

וואס דערפאר איז אויך, ווי כאמור, אז דאס איז בכללות דער ענין פון הפצת היהדות על ידי לימוד התורה וקיום מצוותי׳, אנהויבנדיק אויפן יסוד פון ״יסדת עוז – מפי עוללים ויונקים״ – איז אט דעמאלט טוט מען אויף א דבר הכי גדול במקום זה, אין דעם ארט.

**יא.** און מ׳טוט אויך אויף: יעדערער וויל דאך טאן פאר יענע אידן, ווי מ׳זעט דאך דאס פון די שטורעמס מיט די רייד און מיט די דרוקעניש און מיט

די טאן און מיט די מעשים, [צי מ'איז מיט זיי מסכים אז מ'דארף אזוי טאן, צי מ'האלט אז מ'דארף טאן אין אן אנדער אופן, אבער ישראל זיינען דאך "בחזקת כשרות", אז בודאי איז כוונתם רצוי' אז מ'וויל ארויסהעלפן יענע אידן],

איז די ערשטע הילף וואס מ'קען זיי טאן דירעקט – באופן ישר – אין דעם שטח הכי עיקרי, "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז" – איז דאס דורך צו פארשטארקן די אלע פעולות מיט די אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט דעם חינוך פון "עוללים ויונקים" בכל מקום שהוא.

**יב.** און נוסף וואס דאס איז אן ענין הכי גדול מצד עצמו, ווי מ'זעט דאך אז אין קריאת שמע, וואס מ'דארף דאס זאגן פעמיים בכל יום, און מ'זאגט דאס אנהויבנדיק מיטן פסוק פון "שמע ישראל הוי' אלקינו הוי' אחד" וואס דאס איז דער ענין פון מסירות נפש, און דערנאך חזר'ט ער איבער נאכאמאל "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך" – נאכאמאל דער ענין פון מסירת נפש, און דערנאך רעכנט מען אויס די מצוות הכי עקריים –

איז איינע פון זיי איז דער "ושננתם לבניך", אז מ'זאל זיי לערנען די אלע ענינים מיט די קינדער,

און "ושננתם" איז דאך אויך – ווי די גמרא טייטשט דאס אפ – אז ס'זאל זיין אין אן אופן אז ס'זאל זיין "שנון" – אז ס'זאל זיין איינגעלערנט און איינגע'חזר'ט, ביז דאס וועט זיין קלאר אויך בא די קינדער.

איז אט דאס איז אן ענין הכי עיקרי, און אט דאס שטעלט אויף די בנים ובנות עוסקים בתורה ומצוותי', וואס דאס איז דאך דער יסוד – אויך כפשוטו – פון די "תיישים" פון דעם אידישן פאלק, ווי ער וועט אויסזען מארגן און איבערמארגן און "מחר" לאחר זמן.

## זמן הקיץ – 15 דק'

**יג.** און דאס האט דאך נאך אויך א נקודה מיוחדה,

וואס יעדער ענין איז דאך בהשגחה פרטית, אזוי אויך זעט מען אז די טעג און די תקופה פון י"ב-י"ג תמוז, איז ברוב המדינות איז דאס פארבונדן אין דער תקופה און פארבונדן מיט דעם ענין וואס אין די ימים הסמוכים באפרייט מען, אפילו דארט וואו מ'איז מכריח צו לערנען לימודי חול, איז אין די ימים

הסמוכים פון י״ב-י״ג תמוז באפרייט מען דעמאלט אפילו די וואס זיינען מכריח אין שאר ימות השנה.

וואס דעמאלט הויבט זיך אן, ווי דער לשון הידוע, ״ימי החופש״ – די טעג וואס מ׳איז דעמאלט באפרייט פון גיין אין די בתי ספר, וואס זיי זיינען דאך ״בעלי בתים״ אויף די לימודים וואס דאס איז א שייכות צו זיי און זיי זיינען מכריח אויף צו לערנען.

אט די לימודים וואס זיינען געגעבן געווארן אין ״ושננתם לבניך״, אין א ציווי נצחי פון דעם אויבערשטן צו יעדער אידן און צו אלע אידן בכל המקומות ובכל המדינות – איז זאגט מען דאך אין דער זעלבער פרשה אז דאס איז אלעמאל, ״בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך״,

און ווי אויך בפשטות דארף מען דאך זאגן קריאת שמע פעמיים בכל יום בכל ימות השנה, מיט דער זעלבער ווארימקייט און מיט די זעלבע מסירות נפש אין ימי החופש ווי מ׳זאגט דאס בראש השנה וביום הכיפורים.

וואס קומט אבער אין דערויף צו די הוראה בפשטות, אז וויבאלד אז ס׳ווערט באפרייט צייט פון לימודי חול,

[וואס לכל הדיעות – אלע האלטן – אז דאס איז ״לימודי חול״ – מ׳דינגט זיך מערניט צי דאס איז א הכנה צו פרנסה, וואס פרנסה איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט ״מפרנס בניו ובני ביתו״, אדער דאס איז ניט קיין הכנה, ווארום ער פארנוצט די געלט אויף עניני ״רשות״ אדער אויף נאך נידעריקערע זאכן,

אבער הכל מודים אז דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט ״חול״; דאס איז א ״חול״ פון וועלכן מ׳קען מאכן א ״הכנה״ און א ״הכשר מצוה״].

זעט מען אבער בפשטות אז מ׳באפרייט די קינדער, די זעלבע געזעץ געבער, דער זעלבער מענטש וואס האט געזאגט אז מ׳מוז לערנען לימודי חול על כל פנים א קורצע ווײַלע, א טאג אדער א יאר – איז ער אליין זאגט, אז אין ימי החופש באפרייט ער דערפון –

איז דאס איז א הוכחה למטה מעשרה טפחים וואס מ׳זעט דאס בעיני בשר, אז איצטער האט דער קינד, דער קטן וקטנה, ביז ״קטן״ ו״קטנה״ בדעה, מערער צייט אויף ״מקדיש״ זיין – אויף הייליקן – די צייט דורך לימודי קודש.

ואין הדבר תלוי, ס׳הענגט נאר אפ אן זיינע עלטערן און אן זיינע מדריכים, אז זיי זאלן פארשטיין דעם רמז, און נאך מער פון א ״רמז״ – די הדגשה

פשוטה, אז ווי זיי זיינען געשטאנען אין דעם קאך בנוגע לימודי חול במשך פון דעם יאר, קומט איצטער צוגיין "חול" אליין, און זאגט זיי אז איצטער באפרייט ער דער מספר שעות רבות, על כל פנים בכמות, און גיט דאס אפ צו דער בחירה פון די עלטערן און פון די מדריכים,

אז זיי זאלן פארשטיין אז דאס איז אויך א הוראה, און מער פון א "רמז" – א הוראה פשוטה, אז מ'זאל מקדיש זיין – הייליקן – די אלע באפרייטע שעות, דורך דערויף וואס מ'וועט זיי אנפילן דעם לעבן פון די קינדער מיט לימודי קודש – אין א לימוד של קודש, וואס ברענגט צו מקיים זיין די מצוות אויף וועלכע מ'זאגט "אשר קדשנו במצוותיו" – דורך דערויף ווערט דער לעבן פון דעם קינד הייליק, און דורך דערויף קומט צו אויך הייליקייט אין דעם לעבן פון די עלטערן און די גאנצע משפחה און דעם גאנצן ארום.

וכאמור לעיל, "המעשה הוא העיקר": דא איז ניט די כוונה צו זאגן א פשט'ל אדער צו זאגן א דרוש, אדער אפטייטשן א פסוק;

די כוונה בזה איז, אז וויבאלד אז אין רוב המדינות, וואס מאיזו סיבה שתהי', צי מ'איז צופרידן אדער מ'איז שטארק ניט צופרידן דערמיט, איז דא א זמן וואס מ'מוז דעמאלט אפגעבן כמה שעות – בפרט בא קליינע קינדער – אויף לימודי חול,

קומט צוגיין דער נאמען אליין און דערמאנט אז איצטער באפרייט מען אים פון "עול דרך ארץ" – און נאכמערער: פון עול מלכות בשר ודם – און מ'גיט דאס אפ לרשותו אז ער זאל ארייננשטעלן די קינדער, ווי קליין זיי זאלן ניט זיין אדער ווי גרויס זיי זאלן ניט זיין בשנים, אין א חינוך של תורה ומצוותי' וואס איז דורכגענומען מיט יראת השם און מיט אהבת השם,

דורך פארשרייבן אים, ארייננברענגען אים, ארייננציען אים, זען טאן אלץ וואס מ'קען, אז זיי זאלן גיין גלייך אין א ישיבה אדער תלמוד תורה, אדער א בית ספר, ווי דער נאמען זאל ניט זיין אין יעדער מדינה לפי ענינה, אין די שעות וואס האבן זיך באפרייט, נוסף אויף די שעות וואס ער האט בלאו הכי געלערנט לימודי קודש.

און אט דארט אז ס'קומט אויך אז די בתי ספר ווערן געשלאסן, אדער מ'דארף האבן חיזוק הבריאות פון דעם קינד, לאמיתתו –

זאל מען אים גלייך פארשרייבן און ארייננגעבן אים און ארייננעמען אים אין א מחנה יומי, אין א מחנה וואס ער וועט דארטן זיין כל היום כולו, במשך

פון וואכן נאכאנאנד, ארומגענומען מיט א רוח פון אהבת השם און יראת השם, און שיעורים בתורת השם מידי יום ביומו, ובהוספה ביום השבת, וואס "קודש הוא לה'".

וואס אט דעמאלט איז דער זומער א "געזונטער" באמת, ווארום דאס מאכט געזינטער די קינדער סיי בגשמיות סיי ברוחניות.

און דאס איז דאך אויך ווי מ׳זעט בפשטות, קומט דורך דערויף צו אויך געזונט ביי עלטערן, וואס זיינען פארקאכט אין דעם געזונט פון זייערע קינדער – בשעת זיי זעען אז די קינדער וואקסן סיי בגשמיות און סיי ברוחניות,

און אין אזא אופן אויסגענוצט דעם זומער אז דער גאנצער יאר וואס נאך דערויף ווערט א שנה וואס "שטרי קודם": יעדער קינד פילט אז צום אלעם ערשטן איז ער אן עבד השם, און ערשט דערנאך דארף ער פרעגן וואס ס׳טוט זיך אין וועלט, צי דארף ער עפעס טאן נוסף אויף דערויף אויך – אין אן אופן המותר על פי שולחן ערוך – מצד "דינא דמלכותא".

וואס אט דאס האט מען די מעגלעכקייט בשעת מ׳גיט אפ א קינד פיר און צוואנציק שעה א טאג און זיבן טעג א וואך ברציפות – נאכאנאנד – אין א מעמד ומצב פון נאר תורה ומצוות און אהבת השם און יראת השם,

און מ׳איז דעם קינד מסביר אז אפילו אכילתו ושתייתו וטיולו, מיט די אלע פרטים וואס מ׳האט אין א קעמפ, איז דאס אויך כדי ער זאל מקיים זיין א מצוה פון "ושמרתם לנפשותיכם", און דאס וואס מ׳דארף האבן דער גוף זאל זיין געזונט בגשמיות – דארף ער אויך זיין "געזונט" ברוחניות, ער זאל לעבן מיט "תורת חיים" און מקיים זיין אירע מצוות אויף וועלכע עס שטייט "וחי בהם".

און אט דאס איז דער זמן המתאים בשנה אין רוב המדינות, כאמור,

ביז וואנענט אפילו אז מ׳זעט דאך אין די מדינות און דעם גיל וואס ס׳איז ניטא לימודי חול, פירט מען זיך אויך אז אפילו אין ישיבות וואס מ׳לערנט כל השנה כולה, איז דא ניט אזא שטרענגער לערנען רצוף במשך פון כמה שבועות, במשך פון עטלעכע וואכן –

איז דאס אויך אין די טעג וואס קומען לאחרי ההכנה פון חודש תמוז; מיט דעם לימוד וואס ס׳איז דא אין דערויף פון י"ב-י"ג תמוז,

אז אף על פי וואס דעמאלט זיינען די סדרי הישיבה ניט אזוי שטרענג און ניט אזוי רצוף, ניט אזויפיל בכמות – זאל מען אויסנוצן די צייט וואס ס׳ווערט באפרייט דערפון אויף הפצת התורה בכל הסביבה.

און וויבאלד אז ס׳איז דא ערטער וואס די ישיבה איז גאר דעמאלט פארמאכט,

**יד.** וואס דאס איז א מנהג מוזר ומשונה, אז א בחור וואס וויל לערנען אויך דעמאלט – געפינט אז די טירן זיינען פארשלאסן,

אבער בעזר השם משנה לשנה איז די צאל פון די ישיבות ווערט אלץ וויניקער און וויניקער – אפילו אז מ׳באפרייט די תלמידים האלט מען אפן די פתחי בית הכנסת ובית המדרש, און חס ושלום פון ״אחז בתי כנסיות ובתי מדרשות״ נאר מ׳לאדט נאך איין און מ׳איז מזמין און מ׳רעדט צו אז מ׳זאל אויך לערנען אט די טעג;

אט די טעג וואס מ׳מוז האבן מאיזו סיבה שתהי׳, פון מנוחה פון דער סדר הכי חמור וגדול, בכמות ובאיכות, פון כל השנה כולה, אויף אפרוען זיך דערפון – קען מען דאך דאס אויך פארנוצן אין די ענינים פון הפצת התורה.

וואס בהנוגע צו אברכי ישיבה, תלמידי ישיבה, איז דאך ״תורתם אומנתם״, איז אויך די עניני ״רשות״ זייערע, די עניני מנוחה שלהם – דארף דאס אויך זיין אין ענינים פון תורה:

אפילו ווען מאיזו סיבה שתהי׳ מוז ער זיך אפרוען פון דעם לימוד בעיון, ער מוז האבן אין דערויף א הפסק – קען דאך דערנאך זיין א לימוד ״למיגרס״.

אפילו אז דערפון מוז ער זיך אויך אפרוען על פי ציווי הרופא וכו׳ וכו׳ – קען ער דאך דאס אויסנוצן אויף הפצת התורה בגופו, אדער על כל פנים הפצת התורה על ידי השתדלות עם אחרים אז זיי זאלן טאן בהדרכתו, ווי מ׳האט דאס איינגעפירט בכמה וכמה ישיבות.

על דרך זה איז דאס אויך א הוראה פאר גדולים וואס רעכענען אז זיי זיינען שוין אזוי ערוואקסן און גרויס אז זיי דארפן שוין ניט גיין אין ישיבה,

אויך כולל אט די וואס געפינען זיך אין א סוג העבודה וואס זייער לעבן איז אין סוג פון ״זבולון״ – פון ״שמח זבולון בצאתך״, ער גייט ארויס ״לפרקמטיא״, און דערנאך איז ער פון די געלט מחזק ״יששכר באוהליך״ –

איז אויך דוקא דעמאלט דא די צייט, ווי מ׳זעט דאס אויך אין מנהג העולם, אז ס׳איז דא א מנוחה, על כל פנים ניט אזא אנגעשטרענגקייט און פארהאוועקייט אין עניני מסחר, אין די עטלעכע וואכן במשך זמן הקיץ, נאך י״ב-י״ג תמוז —

זאלן זיי דעמאלט אויסנוצן דעם זמן החופש פון דער פארהארעוויקייט און פארטומלטקייט בעניני מסחר, אויף אפגעבן זיך, און מיט נאך מער חיות ווי מ׳טוט דאס אין עניני עסק ומסחר, אין דעם ענין פון הפצת התורה ומצוותי׳ בכל מקום שידם מגעת.

וכאמור לעיל, דאס איז אויך א גוטע הכנה אויך בנוגע מסחר, אז נאך דערויף אז ס׳ענדיקט זיך דער ״וואקיישאן״ — דער חופש, וואס מ׳נעמט פון זיין ״אפיס״ אדער פון זיין עסק אדער פון זיין ״דזשאב״, ער מוז זיך אפרוען די פאר וואכן, און ער רוט זיך אפ מערניט פון דעם מסחר און פון דעם ״דזשאב״, ער טוט אבער ביתר שאת וביתר עוז אין הפצת התורה ומצוותי׳ —

לייגט דאס אויך דעם יסוד חזק, אז ס׳זאל זיין א הצלחה בא ״זבולון׳ען״ ווען ס׳וועט דערנאך קומען דער זמן וואס על-פי שולחן-ערוך הויבט ער טאן אין ״משאו ומתנו באמונה״, אז דעמאלט זאל זיין מיט מער הצלחה און מיט ווייניקער פיזור הנפש און מיט ווייניקער טרדות.

און ווי גערעדט כמה פעמים, אז ס׳דארף זיין ״יגיע כפיך כי תאכל״: מ׳הארעוועט מערניט מיט די הענט, אבער די קאפ און די הארץ ליגט ביי אים אין אידישקייט, אין תורה ומצוות,

זאל זיין נאכמער הצלחה אין ״יגיע כפיך״, אין דעם עצם פארדינסט, און אויך הצלחה אויף אויסנוצן דעם פארדינסט נאר אויף געזונטע זאכן און אויף גוטע זאכן, און אויף אידישע זאכן.

**טו.** און טאן בכל ענינים אלו מתוך שמחה וטוב לבב — דורך דער הכנה וואס ער האט די החלטה און דערנאך ברענגט ער דאס אראפ לפועל, אז ימי החופש פון עניני חול איז ער זיי ממלא מיט קודש און עניני קודש,

און גייט מחיל אל חיל במשך ימי החופש — ווערט דאס ביי אים א ״הרגל נעשה טבע״, אז דערנאך איז ער אזוי ממשיך לאחרי ימים אלו ובמשך כל השנים כולם,

און באקומט די ברכת ה׳, ווי דער אויבערשטער זאגט: ״אם שמוע תשמעו״ איז אט דעמאלט וועט זיין דער ״ואספת דגנך ותירושך ויצהרך״,

און נאכמערער, ווי ער זאגט אין "פרשה ראשונה" – אז דעמאלט איז דאך "עושין רצונו של מקום", וואס אויף דערויף גייט די פרשה ראשונה, ווי ער זאגט אין ברכות, וועט דעמאלט זיין "ועמדו זרים ורעו צאנכם" אויך אין די לעצטע טעג פון גלות.

און דאס וועט זיין די הכנה קרובה צו "ועמדו זרים ורעו צאנכם" בא יעדער אידן און ביי אלע אידן, בגאולת משיח צדקנו בקרוב ממש.

לחיים.

# קיצור וסיכום
# שיחה ד'

## תוכן השיחה: "יובל" שנים מהגאולה

בנוסף להוראה האמורה לעיל, השייכת בכל שנה ושנה יש גם הוראה מיוחדת לשנה זו, להיותה 50 שנה מאז הגאולה בשנת תרפ"ז - שנת ה"יובל".

בשנת היובל כל הקרקעות חוזרות לבעליהן וכל העבדים משתחררים מעבדותם.

בגדרה של פקיעת הקניין ניתן לחקור: האם זה מצד פעולת האדם - שלכתחילה הקניין נעשה לזמן קצוב, או שהקב"ה הוא המפקיע את הקנין.

כאשר אנו באים ללמוד הוראה מענין זה בעבודת האדם, ניתן לומר ששני הדברים אמת, שהרי "אלו ואלו דברי אלוקים חיים": נדרשת גם פעולת האדם יחד עם ההצלחה המיוחדת הבאה מלמעלה.

בין הדברים מקשר הרבי את חג-הגאולה גם ל"עולמו של לוי", שהשייכות לרבי הריי"צ מובנת בפשטות כפסק הרמב"ם שכל מי שנדבו לבו - יכול להיחשב ללוי, שאומר עליו הקב"ה "אני חלקו ונחלתו".

### "יובל" - גם ליחידים

11 דק'

יש שני סוגי מנין:

**א.** מניין הנעשה על ידי-בית דין. כמו מנין השמיטין והיובלות, מנין ימי השבוע וכד'.

**ב.** מניין פרטי אצל כל יחיד, כמו מנין זבה וכד'.

למרות שמניין היובל נעשה על ידי בית-דין, אנו מוצאים דוגמתו במניין פרטי:

**א.** "עולמו של לוי" שלאחר 50 שנה הוא שב מעבודת הקודש.

**ב.** במכתבו של הרבי הריי"צ בקשר להדפסת "קונטרס החלצו" חמישים שנה לאחר אמירתו, הוא מקשר את שנת ה"יובל" לנאמר בזהר אודות שנת היובל, "ופסק הדין על עצמו".

### הפקעת הקנין - "אפקעתא דמלכא" או דין במכירה

6 דק'

בשנת ה"יובל" מתבטלים הקניינים שנעשו בקרקעות ובעבדים.

את ביטול הקנין ניתן להבין בשני אופנים:

**א.** למרות שהקניין נעשה ללא הגבלת זמן, בהגיע שנת היובל הקב"ה מבטל את המכירה, ומחזיר את הקרקע לבעליה ואת העבד לרשותו.

**ב.** כאשר אנשים עושים קניין על-פי תורה, מלכתחילה הקנין הוא לתקופת זמן, שעד שנת היובל.

נפק"מ שבין שני הצדדים:"יובל" ודיניו שייכים רק כאשר "כל יושבי' עליה". לכן, ייתכן שאנשים עשו קניין בזמן שהיובל נוהג, ולאחר-מכן בטל היובל. באם נאמר כאופן הב', שבזמן שהיובל נוהג **הקנין מלכתחילה** נעשה לתקופת זמן, מובן, שבהגיע שנת היובל בטלה המכירה. אך אם נאמר כאופן הא', שהמכירה היא ללא הגבלת זמן ורק בשנת היובל הקב"ה מבטל את הקניין, בשנה זו לא תבטל המכירה מאחר ובטל היובל.

הוכחה לאופן הא': בגמרא נאמר הדין, שאין בכח היובל להפקיע קנין לכמה שנים ספורות (ויש לומר הטעם בזה - כי בכח היובל לחול רק **על קנין גמור**). ולכן לא מסתבר לומר כאופן הב', כי אז לא מובן כל כך החילוק שבין קנין לשנים ספורות שאין בכח היובל להפקיע - ובין קנין לזמן קצוב עד היובל, שכן נפקע.

## הוראה בעבודת ה'

1 דק'

בהלכה הדין הוא שהפסיקה היא רק כדעה אחת. אמנם, כאשר אין סתירה ביניהן ניתן להחמיר ולנהוג כשתי הדעות (אך גם זאת, לא מתוך הנחה ששתיהן הלכה, כי ההלכה עצמה היא רק כדיעה אחת).

וכמו"כ בעבודת ה' הרוחנית קיימות שתי הדעות: בהגיע שנת ה"יובל" יש **גם** נתינת-כח והתעוררות מיוחדת מלמעלה, **וגם** נדרשת עבודת האדם, בהוספה שלא בערך ללפני-כן.

## עולמו של לוי

4 דק'

על-אף שהלשון "עולמו של לוי" נאמר דווקא בנוגע לעבודת הלווים במשכן, הרי על-פי פסק הרמב"ם ש"ולא שבט לוי בלבד, אלא כל איש ואיש מכל באי העולם אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להיבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו לדעה את ה' . .", מובן, שזה שייך במיוחד לרבי הריי"צ ש"נדבה רוחו אותו" והתנתק "מהבלי העולם".

## שיחה ד:

## ״יובל״ - גם ליחידים – 11 דק׳

**טז.** וואס כל המדובר לעיל בקשר – אין צוזאמענהאנג – מיט י״ב-י״ג תמוז איז דאך דאס שייך יעדער יאר, זינט ס׳איז געווען די גאולה אין תרפ״ז עד שנה זו,

ס׳איז דאך אבער דא אויך הוראות פון יעדער יאר בפני עצמו, און ס׳איז דא אויך א הוראה מיוחדת בהנוגע צו שנת תשל״ז, וואס דאס איז פופציק יאר לאחרי פון דער גאולה, וואס זי איז דאך געווען אין שנת תרפ״ז.

וואס פופציק יאר איז דאך אן ״עולם״, ס׳איז דאך א תקופה גדולה ומיוחדת.

און וואס אף על פי וואס לכאורה דער ענין היובל וואס מ׳געפינט אין תורה-שבכתב בגלוי, איז דאך דאס פארבונדן מיטן זעלבן מנין פאר כל ישראל כולו:

ס׳איז דאך ניט וואס בא יעדער ענין באזונדער הויבט מען אן רעכענען יארן, און דערנאך אז מ׳קומט צום פופציקסן יאר איז אט דעמאלט ווערט א שנה מיוחדת – נאר דאס איז א מנין אחד פאר כלל ישראל כולו.

ס׳איז ניט בא יעדער באזונדער א באזונדער מנין, בדרך ווי מ׳געפינט בא ״וספרה לה״ – נאר דאס איז א מנין וואס בית-דין איז קובע און ציילט, פריער שמיטות און דערנאך יובלות,

וכידוע די פלוגתא מיט די חילוקי דיעות, צי דאס איז פארבונדן איינע מיט די צווייטע: אויב ״מנו שמיטות״ איז דוקא דעמאלט ״מונין יובלות״, אדער ס׳קען זיין מנין יובלות אן מנין שמיטות, אפילו ווען מאיזו סיבה איז דאס ניט דא,

אבער בכל אופן, סיי שמיטה און סיי יובל איז דאס דער זעלבער מנין פאר כל אחד ואחת מבני ישראל,

און נוסף אויף דעם ענין וואס דאס איז גאר פארבונדן מיט כמה תנאים: ענין השמיטה במיוחד איז דאס פארבונדן מיט מצוות התלויות בארץ, אן ענין

וואס איז פארבונדן מיט ארץ-ישראל, על אחת כמה וכמה דער ענין היובל, אז אין ארץ-ישראל גופא דארף מען דאך האבן "בזמן שכל יושבי' עלי'",

משא"כ דא רעדט זיך דאך וועגן א מנין יובל וואס איז לכאורה פון א איין מענטשן, און בא דעם מענטשן גופא מיט א מאורע מיוחד במשך ימי חייו –

## משלים למנין פרטי

איז געפינט מען אויך דוגמתו, און וואס דארט איז אויך דער ענין פון חמישים.

אפילו בנוגע צו שמיטה, איז דאך שוין אויך דא פונקט ווי ס'איז דא שמיטה אחת, דער זעלבער מנין פאר כל ישראל – אזוי איז דא שמיטה וואס איז פארבונדן מיטן עבד עברי, וואס "שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם", וואס דעמאלט רעכנט מען לויט זיינע יארן.

על דרך זה ווי ס'איז דא אין דעם ענין פון שבת, שביעי בימי השבוע, איז דאך דא ווי דער מנין איז לכל בני ישראל במושבותם, דערנאך איז דא אט דער וואס הולך במדבר און ער ווייס ניט ווען שבת איז – האט ער זיך זיין "מונה ששה ימים ושובת יום אחד", אדער פארקערט, ווי די צוויי דיעות, [ביז וואנענט אז ס'איז גאר דא א דיעה, אז זיין שבת איז א שבת ביי אים מן התורה].

על דרך זה געפינט מען אויך אין יובל, וואס מ'זאגט "עולמו של לוי" איז דאס אן ענין פון "בן חמישים שנה", וואס דעמאלט איז דאך דאס פארבונדן ניט דער זעלבער מנין פאר גאנץ שבט לוי, נאר בא יעדער לוי בפני עצמו,

און ווי מ'לערנט דאס אויך אפ בא שמואל הנביא, וואס ער איז דאך אויך געווען א לוי, "וישב שם עד עולם", וואס ס'האט זיך אנגעהויבן ווען "גמלתו", ווען ער איז געווען אלט שנתיים ימים, וואס דעמאלט איז דאך כ"ד חודש, וואס דעמאלט איז מען גומל, דער "גמלתו", און דערנאך איז ער געווען "וישב שם עד עולם" אין שילה, וואס ער האט געלעבט נ"ב שנה, איז געווען "עולמו של לוי" וואס דאס איז חמישים שנה, און דערנאך איז שב מעבודת משא וכו,

וואס דאס איז דאך א יובל וואס איז פארבונדן מיט יעדער לוי בפרט.

## משל למנין למאורע מיוחד וספציפי

**יז.** ביז וואנענט אז מ׳געפינט אויך א יובל וואס איז פארבונדן מיט אן ענין מיוחד, ווי דער בעל הגאולה שרייבט אין דער הקדמה צו ״קונטרס החלצו״, בשעת מ׳האט אפגעדרוקט דעם מאמר פון זיין פאטער הידוע ״החלצו מכם אנשים״, און מ׳האט דאס אפגעדרוק אין פופציק יאר נאך דערויף ווי דער מאמר איז געזאגט געווארן בפעם הראשונה –

האט ער דעמאלט געשריבן במכתבו אלס הקדמה, אז ער זאגט דאך אין זהר, אז ״יובל״ וואס שטייט אין פרשה בהר, פארגלייכט דאס און לערנט-אפ דער זהר דערמיט וואס ס׳שטייט ״על יובל ישלח שרשיו״, וואס ״יובל״ איז אותיות ״יובל״,

ביז בא ״יובל ישלח שרשיו״, איז דאך דא דער פירוש הפשוט, אז דאס זייט מען איין אן אילן אויף א גוטן טייך, אויף א טייך וואס הייסט ״יובל״, און אט דעמאלט איז ״ישלח שרשיו״ – זאגט דער זוהר אז דאס איז בדוגמא פון די יובל שנים וועגן וועלכע ס׳רעדט זיך פרשה בהר.

וואס דא זעט מעןביידע זאכן: דאס איז יובל אין אן אילן מיוחד און דעמאלט ווען מ׳פארפלאנצט אים במקום וואס ס׳איז ״על יובל״,

וואס בכלל פארפלאנצן אן אילן איז ווי ער זאגט אין מדרש אויף ״גפן ממצרים תסיע״, [און אויך בכמה מקומות אין מדרשים], אז דרכו של גפן, ובכלל פון אן אילן, כדי ער זאל משבח-זיין, ער זאל ארויסקומען בשבח יותר – אז ״עוקרין אותו ממקום נטיעתו״, דארט וואו מ׳האט אים איינגעפלאנצט דעם ערשטן מאל, און מ׳איז אים נוטע אין א צווייטן, אין א נייעם ארט, און אט דעמאלט איז ער משבח.

וואס די פופציק יאר הויבט זיך אן רעכענען פון דעם נייעם יאר וואו מ׳האט אים איינגעפלאנצט דעם צווייטן מאל – בהנוגע צו דעם ענין השבח,

וואס דערפאר פארגלייכט דאס דער בעל הגאולה, אט דאס וואס דער קונטרס ״החלצו״ האט זיך אפגעדרוקט אין יובל שנים לאחרי ווי מ׳האט אים דעם ערשטן מאל געזאגט,

וואס דאס איז דאך א קונטרס פון זיין פאטער, וואס ער האט געזאגט כמה מאמרים און געדרוקט כמה קונטרסים, און געטאן כמה פעולות במשך ימי

חייו; בהנוגע אבער צו דער פעולה פון דעם קונטרס — איז א תוכן מיוחד און הצלחה מיוחדת אז ס'ענדיקט זיך און ס'קומט דער שנת היובל.

## פסק הדין על עצמו

וואס דערמיט איז אויך פארשטאנדיק בהנוגע לענייננו, אויך ביובל שנים זינט דער גאולה בפעם הראשונה, ווי ער האט אליין אפגע'פסק'נט אויף זיך דעם דין, דער בעל הגאולה,

כידוע תורת הבעל שם טוב, וואס ער שטעלט זיך אויף דערויף וואס די משנה זאגט, אז "נפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו", און אויך דער לשון "לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון", וואס מ'שטעלט זיך אויף דערויף: ס'האט דאך געדארפט שטיין דער סדר פארקערט — פריער מאכט מען א חשבון און דערנאך זאגט מען דעם דין. דער לשון המשנה איז "דין וחשבון".

און מ'האט דאס מצרף געווען ביידע משנות צוזאמען, אז "אין נפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו", אז פריער ברענגט מען צו א אידן א מקרה דומה, א זאך וואס מ'דערציילט אים אז ס'האט געטראפן מיט א צווייטן, און דערנאך פרעגט מען ביי אים: ווי קומט ביי אים אויס, מהו דינו. און בשעת ער זאגט אז דער דין, וויבאלד אז יענער האט געזאגט כך וכך איז דינו כך וכך, "לפני מי אתה עתיד ליתן דין", דערנאך מאכט מען מיט אים א "חשבון" וואס דאס זאגט ער דאך "מדעתו" —

איז דערנאך מאכט מען מיט אים דעם "חשבון", אז ער האט געטאן די זעלבע זאך, במילא איז אט דעמאלט איז אפילו "שלא מדעתו", ער איז ניט צופרידן פון דעם עונש וואס מ'גיט אים דערפאר, איז דאס ניט נוגע, ווארום ער האט שוין פריער געזאגט דעם "דין".

אויב דאס איז אזוי בנוגע לעונש'ין — על אחת כמה וכמה אין "מרובה מדה טובה", אז בשעת מ'זאגט אויף אן ענין פון זיין פאטער אז ס'גייט דורך פופציק יאר אט דעמאלט האט דאס א הצלחה מיוחדת און א תוכן מיוחד —

על דרך זה אויך בהנוגע לעצמו אפגע'פסק'נט דעם דין, אז ס'דארף זיין און ס'איז א הצלחה מיוחדה, אז מ'וועט איצטער טאן נאך מער ביתר שאת וביתר עוז אין די אלע ענינים און די אלע זאכן וואס ער האט פארלאנגט, דער בעל הגאולה, בהנוגע צו יעדער אידן, ביז אפילו א איד אשר "בשם ישראל יכונה",

ווי ער שרייבט במכתבו הידוע, אז מ׳זאל האבן כוחות אויף טאן נאך מערער און ס׳זאל זיין מיט נאכמער הצלחה, ובאופן דמוסיף והולך ואור.

## הפקעת הקנין - "אפקעתא דמלכא" או דין במכירה? – 6 דק׳

**יח.** וואס די הצלחה וואס איז פארבונדן מיט יובל – קען מען דאס אויך מקשר-זיין און מבאר-זיין מיטן דין אין דעם ענין פון יובל ווי דאס איז בתחילתו ובפשטות – בנוגע צו דיני היובל וועגן וועלכע ס׳רעדט זיך אין פרשה בהר.

וואס ביובל איז דאך דעמאלט "ושב איש לאחוזתו", אז די שדות קערן זיך אום צו דעם מוכר פון דעם קונה, על דרך זה אויך די עבדים יוצאים לחירות –

איז דאך דא אויף דערויף די צוויי הסברות: צי דאס איז אן ענין פון – בלשון הגמרא – "אפקעתא דמלכא", אז דער אויבערשטער האט גוזר געווען און איז מפקיע דעם שיעבוד מיטן קנין פון דעם שדה אדער פון דעם עבד, און ס׳קערט זיך אום "אל אחוזתו" אדער דער עבד ווערט א בן-חורין,

אדער די צווייטע הסברה, אז די תורה האט אנגעזאגט, אז מלכתחילה זאל ער פארקויפן ביז דעם יובל, אדער אויב קדמו, מיט די אלע פרטים שבזה, און מ׳דארף ניט אנקומען אז דאס איז גזירת המלך.

און ווי דער ראגאטשאווער איז מסביר, כידוע דרכו, ווי גערעדט אויך פריער, אז דער דרך פון תורה וואס זאגט אז "המעשה הוא העיקר", אז ווי גוט און ווי טיף און ווי ברייט ס׳זאל ניט זיין די שקלא-וטריא און פלפול, איז סוף-כל-סוף דארף מען וויסן מאי בינייהו ולמאי נפקא מינה במעשה בפועל אין אן ענין פרטי, אין א דבר פרטי,

על דרך זה אויך אין די צוויי הסברות דארף מען האבן א נפקא מינה לפועל – ברענגט ער כמה נפקא מינא׳ס, און איינע פון זיי איז, אז אויב ער האט פארקויפט א שדה בשעת ס׳איז געווען דער יובל, און דערנאך איז דאס געווען וואס בטל היובל,

[ווי ס׳איז געווען אויך בזמן בית ראשון, וואס לכל הדיעות איז דעמאלט געווען מנין יובלות, איז דאך דערנאך איז בטל היובל, ווי רש״י ברענגט אויך

אראפ בפירושו על התורה "ואם יהי' היובל", "מלמד", אז ס'איז דא א זמן וואס ער וועט בטל ווערן],

אט דעמאלט, אט די שדה וואס ער האט פארקויפט און דער יובל איז בטל בינתיים, איז אויב מ'זאל זאגן אז ער האט דאס פארקויפט מלכתחילה אויף לצמיתות, נאר דערנאך איז דא "אפקעתא דמלכא", וויבאלד אז דער יובל איז בטל געווארן – איז ניטא די "אפקעתא דמלכא", און פארקויפט האט ער דאס פארקויפט לצמיתות, איז אט דעמאלט בלייבט דאס לצמיתות בא דעם קונה.

אויב מ'זאל זאגן אז דאס איז אן ענין וואס דאס איז ניט "אפקעתא דמלכא", נאר מצד דעם ציווי וואס ס'איז דא בתורה, פארקויפט ער לכתחילה ניט לצמיתות, ווי דער לשון הכתוב איז אז מ'טאר ניט פארקויפן לצמיתות, "כי לי כל הארץ" – האט ער דאך לכתחילה פארקויפט עד שנת היובל, דעמאלט איז קיין נפקא מינה ניט צי ניט בטל היובל, ער האט לכתחילה פארקויפט ביז דעם זמן מסויים.

וואס איינע פון די ראיות לכאורה אויפן ביאור הראשון איז – ווי ער ברענגט אויך אראפ, אז בא יובל איז דער דין, אז וואס איז יובל מפקיע? – א קנין גמור.

בשעת מ'פארקויפט א שדה ניט אויף א זמן ממושך, נאר ער פארקויפט אים א מספר שנים, און וואס דערנאך דארף ער דאך דאס גלייך אומקערן צום מוכר – איז אט דעמאלט איז דער דין, אז יובל איז ניט מפקיע, אף על פי וואס אין די שנים איז אויך דא שנת היובל.

וואס די הסברה בזה איז: יובל דארף האבן א קנין גמור כדי ער זאל קענען מפקיע-זיין, בדוגמא ווי מ'זאגט אז אן עונש העלפט ווען ס'איז דא א שיעור גמור. בשעת ס'איז דא א חצי שיעור – איז אט דעמאלט קען עונש ניט העלפן. ועל דרך זה בכמה וכמה ענינים, אז מ'דארף האבן א נדר בכל גדריו - כדי ס'זאל קענען זיין הפרה. על דרך זה איז אויך בא יובל.

וואס על פי זה לייגט זיך מערער צו זאגן, אז אויב ער פארקויפט מלכתחילה אויף מספר שנים – איז למאי נפקא מינה צי דער מספר שנים פארקויפט ער ביזן יובל צי א פאר יאר נאכן יובל, איז פונקט אזוי ווי מ'זאגט אז אויב ער פארקויפט אויף א מספר שנים איז דאס ניט קיין קנין גמור, איז יובל ניט מפקיע – על דרך זה איז אויך אויב מלכתחילה פארקויפט ער, מאיזה טעם שיהי', מערניט ווי ביז שנת היובל.

## הוראה בעבודת ה׳ – 1 דק׳

**יט.** וואס וואס איז דאס בהנוגע לעניננו?

אז אויך בהנוגע צו א יובל פון כל ענין פרטי – איז אין דערויף דא אויך, ס׳איז דאך ״אלו ואלו דברי אלקים חיים״, מערניט וואס להלכה, וואס מ׳קען דאך ניט טאן קיין דבר והיפוכו, אט דעמאלט איז תורה דארף מען האבן א פסק-דין ברור, ״הלכה כמותו״ לויט איין דיעה, ניט לויט דער צווייטער דיעה;

אין אזא ענין וואס מ׳קען זיין ביידע דיעות, און ס׳איז ניט אן ענין פון א דבר והיפוכו – איז אט דעמאלט קען מען דאך אננעמען און ווי מ׳פירט זיך בכמה חומרות בבת אחת,

און ווי כידוע דער חילוק בזה, אז דאס הייסט ניט וואס די גמרא רופט דאס אן ״הכסיל בחושך הולך״ – אויב ער טוט דאס מצד הידור וחומרא, ניט מצד וואס ער זאגט אז דער דין איז סיי ווי דער און סיי ווי דער.

על דרך זה איז אויך בענינים רוחניים, וואס דארטן קען מען דאך אויפטאן די ביידע סברות:

אז ס׳גייט-דורך א יובל שנים זאל זיין ״אפקעתא דמלכא״ וואס דער אויבערשטער גיט דעם סיוע מלמעלה, די הצלחה וואס ס׳קומט דורך יובל, און ס׳דארף אויך זיין דער סיוע, דער ״אש מן ההדיוט״ – אט דאס וואס ער מלכתחילה טוט אין אזא אופן אז פון יובל הויבט זיך אן א נייער סדר עבודה,

און וויבאלד אז ״מעלין בקודש״ – איז דאך פארשטאנדיק, אז דער נייער סדר עבודה איז העכער ביתר שאת וביתר עוז ווי די עבודה אין יובל שנים שלפני זה,

איז דערפאר איז אויך פארשטאנדיק, אז דא קען מען מקיים-זיין דעם ״אלו ואלו דברי אלקים חיים״.

## עולמו של לוי – 4 דק'

**כ.** און דא איז אויך דא א קשר במיוחד וואס דאס וואס מ'זאגט אז "עולמו של לוי" איז דאס חמישים שנה,

און ס'איז דאך אויך דא ווי מפרשים פארבינדן זאך, אז אויך בהנוגע צו א אידן בעבודתו איז דאך אויך דער סדר פון בן עשרים לרדוף וואס דעמאלט האט ער כח אויף זיין א יוצא-צבא בישראל,

און דערנאך איז דאך דא על-דרך הרגיל "ימי שנותינו בהם שבעים שנה", אף על פי וואס "בגבורות שמונים שנה", ביז "והיו ימיו מאה ועשרים שנה", אבער דעמאלט הויבט זיך אָן אַן אנדער סדר עבודה, וואס פון עשרים ביז שבעים איז דאס עולמו חמישים שנה.

- בפירוש שטייט דאך דאס ביי "עולמו של לוי", אז "בן חמישים שנה ישוב" פון דער עבודה אין דעם משכן –

איז דאך דער רמב"ם מסביר בהנוגע צו "אני חלקך ונחלתך", אין סוף פון הלכות שמיטה ויובל, אז "לא שבט לוי בלבד" איז זאגט דער אויבערשטער "אני חלקך ונחלתך", נאר דאס איז אויך כולל "כל איש ואיש אשר נדבה לבו לעמוד לשרת לפני הוי'", וואס אט דעמאלט זאגט אים דער אויבערשטער "אני חלקך ונחלתך",

און ער ברענגט נאך – דער רמב"ם – דארט אראפ דעם לשון "קודש הקדשים", וואס על-פי נגלה דארף דאס האבן א ביאור: "קודש הקדשים" שטייט בהנוגע צו אהרן'ן, ניט בהנוגע צו לויים, און דא רעדט ער בפירוש וועגן שבט לוי, און דערנאך ממשיך פון "כל איש ואיש אשר נדבה לבו".

על כל פנים בהנוגע לענייננו, ווען ס'רעדט זיך וועגן בעל הגאולה, וואס "נדבה לבו לעמוד לשרת", און ווי ער איז דארט מבאר די אלע פרטים אין עבודת השם, אז מ'שיידט זיך אפ פון "הבלי העולם" וכו' –

איז דאך אט דעמאלט דא א שייכות מיוחדת צו "עולמו של לוי" – וויבאלד אז "נדבה לבו לעמוד לשרת",

**כא.** איז דערפון אויך פארשטאנדיק, אז ס'גייט-דורך חמישים שנה און ס'קומט דער סיום וחותם פון שנת החמישים, וואס "הכל הולך אחר החיתום" – איז אט דעמאלט האט מען די ברכה והצלחה מלמעלה, בדוגמא ווי בא יובל "אפקעתא דמלכא",

מ׳האט אויך ווי די צווייטע סברא ודיעה, אויך די פעולות האדם מלמטה אויך אין אן אופן אז ביז דעם יובל איז ער הולך בהדרגה ובערך צו די עבודה וואס איז געווען מיט א יאר פאר דעם,

משא״כ אז ס׳ענדיקט זיך דער שנת היובל און ס׳הויבט זיך אָן דער נייער יאר לאחרי היובל – איז אט דעמאלט ווערט דאס א שפרונג בכל ענינים אלו שלא בערך, א נייער סדר עבודה, בלשון הידוע ״עולם חדש ראה״: פריער איז געווען ״עולמו של יובל״ אין איין אופן, און איצטער ווערט אן ״עולם חדש״.

און דאס זאל זיין די הכנה קרובה צו ״עולם חדש ראה״ – בביאת משיח צדקנו, וואס דעמאלט וועט זיין דער ״לתקן עולם במלכות שד-י״, ביז אפילו כל עמי הארץ וועט זיין דער ״ועמדו זרים ורעו צאנכם״, אז ״אהפוך אל כל העמים כולם . . שכם אחד״ ״לעבדו כולם״ ביז ״והיתה להוי׳ המלוכה״, ווי דער רמב״ם איז מסיים די הלכה אין הלכות מלכים,

ובקרוב ממש, בגאולה האמיתית והשלימה.

לחיים.

## קיצור וסיכום
# שיחה ה'

## תוכן השיחה: שלושת השלמויות, וגאווה יהודית!

בשיחה זו מסביר הרבי את הדרך לשמור על שלושת השלמויות - התורה, העם והארץ.

היסוד לכל הבעיות הוא **שמפחדים לומר את האמת!**

שלמות העם תלוי' **בגיור כהלכה.** ובאם הגיור הוא שלא כהלכה - אינו גיור!

שלמות הארץ תלוי' באמירת האמת, שארץ ישראל נתנה לעם ישראל לנצח, על ידי הקב"ה!

שלמות התורה תלוי' בכך שלא ניתן לעשות פשרות וקיצורים בתורה ובמצוות!

כל הצרות מתחילות מכך שתמורת זה שהיהודים יהיו "אור לגויים", יש יהודים שמפחדים מהגוי ורוצים שעם ישראל יהיה "ככל הגוים".

בין הדברים מסביר הרבי, שהדרך להתמודד מול הרוחות-חולות הללו, ע"י שכל אדם פרטי יוסיף חומרא וגדר בהנהגתו לעצמו.

### תורה ומצוות - נדרש להשפיע גם על העולם!

4 דק'

פעולת התורה היא גם על הנהגת העולם, בדוגמת קיום שבע מצות בני-נח על ידי אומות-העולם, ו"כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם". וגם בשביל קיום חלק מהמצות זקוקים לאומות-העולם.

### כל דור - "מצוה דזהיר בה טפי"

4 דק'

לכל דור יש "אתגר" מיוחד הקשור עם המצב באותה התקופה. ובענין זה צריכה להיות התעסקות מיוחדת, בין יתר ההתעסקויות שבענייני תורה ומצוותי'.

### שלמות העם כמו שלמות התורה

2 דק'

הבחירה בעם ישראל היתה בזמן נתינת התורה, שמזה מובן ששלמות העם הוא כמו השלמות של התורה. וכשם שבתורה לא ניתן לשנות, להוסיף או להפחית, כך גם בעם ישראל לא ייתכן להוסיף יהודי שלא על-פי תורה. וכאשר עושים גיור שלא כהלכה, אין כאן יהודי כלל, ואין כלל מציאות של גיור!

### שלמות הארץ

20 דק'

ארץ-ישראל נתנה לעם-ישראל על-ידי בורא שמים וארץ, באופן נצחי. מובן מכך - וכמו שמבהיר זאת רש"י ב"פשוטו של מקרא"

- שאף אחד מלבד הקב"ה אינו בעל-הבית על ענין זה!

וכאשר היהודי יוותר לאיומים וללחצים - הוא מזמין לחצים ואיומים נוספים.

לא שייך בזה הגדר של "דינא דמלכותא דינא", מכיון שזהו סדר שקבע הקב"ה.

נוסף לזה, הרי הגוי יודע את דברי רש"י הנ"ל, ובאם היהודי יאמר לו דברים אחרים - הוא ירגיש שהיהודי מרמה אותו!

הנהגה זו שאומרים את היפך האמת, הוא גם היסוד לכך שהנציג של ישראל באו"ם כתב את נוסח החלטה "242" של האו"ם, שהחלטה זאת הזמינה לחצים קשים על ארץ-ישראל מאז.

## רפורמות ביהדות

7 דק'

ישנם החושבים שבכדי לקרב יהודים ליהדות, נדרש לעשות שינויים ופשרות בדת.

עליהם לדעת, שאין לדרך זאת שום סיכוי. ו"כבר היה לעולמים" וניתן להביט על תוצאות ההנהגה בדרך זו - לא נותר מהם פליט ושריד, וצאצאי ההולכים בדרך זו או **שעשו תשובה** או **שנטמעו בין הגויים** רח"ל.

## "גדר בה גדר"

2 דק'

מסופר בגמרא שכאשר רב הגיע ל"בבל" - מקום שבו הכל מערובב, ומצא שם "בקעה" - דבר סכנה, אזי תיכף "גדר בה גדר" - הדבר הראשון שעשה הוא שהוסיף על עצמו עוד גדר וחומרא, עוד לפני שהקים שם ישיבות וכו'. וזו הדרך גם כיום, לכל-לראש כל אחד צריך להוסיף בעצמו חומרא וגדר.

## יסוד הצרות - "ככל העמים בית ישראל"

3 דק'

מאחר וישנם יהודים המפחדים מהגויים ומהנהגותיהם, ותמורת שבני-ישראל ישמשו "אור לגויים", הם מכניסים את הנהגות ודרכי הגויים אל נשמתם פנימה .

## שלוש שלמויות, וגאווה יהודית.

### שיחה ה:

### תורה ומצוות - נדרש להשפיע גם על העולם! – 4 דק'

**כב.** אט דאס וואס מ'האט גערעדט פריער בנוגע צו "עולם חדש", אז דאס איז אויך פארבונדן מיט א שינוי בכללות העולם.

בדוגמא ווי גערעדט פריער בנוגע צו תורה, אז אף על פי וואס "משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע", און "תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב" דוקא – אף על פי כן איז דאך אויך דער דין על פי תורה, אז מ'דארף זיך משתדל זיין, אז בכל העולם כולו זאל זיין די הנהגה אויך דורך די בני-נח אין אן אופן ווי ס'איז מתאים צו די שבעה מצוות בני-נח, מיט אלע זייערע סניפים וסעיפים ו"פירות" ופרטי פרטים,

וואס דאס איז דאך כולל אז ס'זאל זיין אן עולם בישובו – "לשבת יצרה".

על דרך זה אויך בהנוגע צו מצוות, איז דאך דער ענין פון מצוות אויך פארבונדן מיט עניני העולם, וואס בחלקם דארפן אנקומען אויך צו בני-נח,

ביז וואנענט אז מ'זאגט גאר, אז אין תכלית השלימות וועט זיין דער "ועמדו זרים ורעו צאנם", און דאס וועט זיין תמורת פון דעם "ואספת דגנך ותירושך ויצהרך" ווען "אין עושין רצונו של מקום", ווי די גמרא זאגט אין ברכות –

על דרך זה כללות ענין התורה, ווי דערמאנט פריער וואס דער רמב"ם ברענגט, פון ספרא, אין סוף הלכות חנוכה, אז "כל התורה כולה ניתנה אלא לעשות שלום בעולם", אז אין דער גאנצער וועלט זאל זיין א הנהגה וואס דאס איז א הנהגת שלום, און ווי ער איז מסיים דארט אויך "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום",

ווי ער זאגט אויך אין מדרש "ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום", אז מ'האט דערהערט אז דער אויבערשטער גיט אידן "עוז", "אין עוז אלא תורה" – איז דורך דערויף געווארן שלום בעולם כולו, כולל אויך אין אומות העולם, נוסף אויף "ונתתי שלום בארץ" – בכל העולם כולו, ווי ער דערציילט אין מדרש, אז "באו אומות העולם אצל בלעם" און ער האט זיי בארואיקט און

האט געזאגט – און דעמאלט האבן זיי זיך בארואיקט, אז דאס איז הקב״ה נותן תורה לעמו ישראל.

וואס על דרך זה, וויבאלד ״התורה היא נצחית״ – איז דאך פארשטאנדיק, אז דאס איז א הוראה לכל הדורות ולכל המקומות,

אז אין יעדער דור ומדינה ומקום לפי מעמדו ומצבו און די עבודה מיוחדת שלו,

## כל דור - ״מצוה דזהיר בה טפי״ – 4 דק׳

**כג.** וואס יעדער דור האט דאך זיך די ״מצוה דבה הוי זהיר טפי״ – על דרך ווי ס׳איז דער חילוק אין מקום, אז מצות שמיטה ויובל איז פארבונדן מיט א מקום מיוחד, מיט ארץ הקודש, דערנאך איז דא מצוות וואס זיי זיינען בשוה בכל מקום ומקום, דערנאך איז דא מצוות וואס ס׳איז דוקא בחוץ-לארץ, בנוגע צו טומאה וטהרה וכיוצא בזה –

על דרך זה אויך איז אין כללות ענין התורה ומצוותי׳, איז דא א דור וואס יעדער דור איז מחוייב בכל התורה ומצוות, אבער דעמאלט זיינען די נסיונות – במילא אויך דער עיקר העבודה – איז דער קיום מצוה מיוחדה, אדער סוג מצוות מיוחדים, בתוככי פון אלע איבעריקע מצוות,

ווי מ׳געפינט דאס בא כמה ענינים של קדושה, אויך בנוגע צו עם ישראל, אז ס׳איז געווען דער נשיא פון דעם שבט, וואס דאס איז געווען דער ״הנשיא הוא הכל״, און דערנאך איז דאך כל איש ואשה פון דעם שבט, וואס דער נשיא איז דאך אויך איינער פון די אנשי השבט,

על דרך זה איז דאס אויך בהנוגע צו א מצוה, א סוג מצוות מיוחדות וואס דער דור איז אין אים מחוייב – בתוככי פון כל שאר התורה ומצוותי׳, אבער די מצוה איז א חיוב מיוחד, ווארום ער איז פארבונדן דוקא אין דעם דור מיט קישויים – מיט שוועריקייטן – מיוחדים.

על דרך ווי מ׳געפינט בדורו של מנשה, וואס ער האט געזאגט צו אביי׳ן, אז אויב ער וואלט געווען בדורו – וואלט ער ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון עבודה-זרה, דערפאר וואס דעמאלט איז געווען דער עיקר שוועריקייט – במילא אויך דער עיקר העבודה – בהנוגע צו עבודה-זרה, בניגוד צו ״שמע ישראל הוי׳ אלקינו הוי׳ אחד״.

ועל דרך זה איז אויך בדורות המשנה איז געווען דער עיקר העבודה אין לימוד התורה.

און ווי דער אלטער רבי איז מסביר, אז בדור האחרון, "עיקבתא דמשיחא", אף על פי וואס דעמאלט זאגט מען דאך אויך "תלמוד תורה כנגד כולם" - אבער עיקר העבודה און עיקר הבירורים טוט זיך אויף דורך דעם ענין הצדקה, ווי ער איז דארט מבאר, אז "עיקר העבודה בימינו אלו" איז דאס דער ענין הצדקה בכל אחד ואחת.

אפילו אויך אין לימוד התורה עצמו איז דאך דא די הדגשה מיוחדת פון הפצת התורה ביז צו אזא וואס ער איז שלא בערך אליו, וואס זיין לערנען תורה מיט אים איז דאס אין אן אופן פון "צדקה".

**כד.** על כל פנים בהנוגע לעניננו איז דאך ווי געזאגט פריער, אז תורה ומצוות דארף א איד טאן ווארום "מורשה קהילת יעקב", אבער ער טוט דאס אין אזא אופן, אז דאס ווערט אויפגעטאן אין עניני העולם.

כפשוטו - אז מקיים-זיין מצות תפילין דארף מען האבן קלף גשמי, וואס דאס דארף זיך נעמען פון א בהמה גשמית, וואס זי איז בחיים – זי לעבט – דערפון וואס "ונתתי עשב בשדך לבהמתך", וואס דער שדה דארף זיין חרישה וזריעה וכו׳, וואס א טייל פון די עבודות, אדער רובם, ווערן גאר געטאן ניט דורך אידן.

ובדוגמא ווי דער רמב"ם איז מאריך אין פירוש המשניות, אז "כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה", אז בדוגמא, אז כדי א חכם זאל ניט זיין קיין בודד – איז צוליב דערויף אליין שטעלט מען אויף כמה וכמה אנשים ונשים מיט הנהגות מיט עבודות מיט פעולות, כדי דער חכם זאל האבן את המצטרך לו, ביז וואנענט בלשון חז"ל – וואס דער רמב"ם ברענגט – אז "כל העולם כולו" איז בשביל אחד, "בשבילו נברא העולם", ובהקדמה אז "חייב אדם לומר" אזוי.

און אין דערויף אויך איז דא, ווי געזאגט פריער, אז כדי דער איד זאל דאס פארדינען, בלשון הרמב"ם ער זאל זיין דער "חכם" – דארף זיין הנהגתו דורך "היא חכמתם ובינתכם", על פי התורה, און די עשיות במצוותי׳ אויף וועלכע מ׳זאגט אז דאס איז "גדול לימוד שמביא לידי מעשה" – דער לימוד אין חכמת התורה ובינת התורה, וואס זי ווערט "היא חכמתכם ובינתכם".

אף על פי וואס ס׳איז דאך דא דער ״דינא דמלכותא דינא״, אז מ׳דארף אויספאלגן די הוראות פון דער מלכות –

איז דאך אויך, כמדובר כמה פעמים, אט דאס וואס מ׳דארף אויספאלגן, איז דאס דערפאר וואס תורה הייסט, אז ער זאל פאלגן אין די ענינים וואס רידן ניט אן אין יראת-שמים, אין תורה ומצוותי׳ – דעם ״דינא דמלכותא״.

איינע פון די דיני התורה איז, אז אין די עניני הרשות איז דעמאלט פאלגט ער אויס ״דינא דמלכותא״.

## שלמות העם כמו שלמות התורה – 2 דק׳

**כה.** וואס בדוגמת זה, און ווי גערעדט כמה פעמים, אז יעדער ענין איז דאך בהשגחה פרטית, במילא איז אויך דא ענינים וואס טרעפן זיך בכל יום – אויב ס׳דערגרייכט דערפון די ידיעה צו א אידן, דארף ער דערפון עפעס ארויסלערנען בהנוגע לעבודתו לבוראו, כידוע תורת הבעל שם טוב בזה,

על דרך זה אויך, אידן קאכן זיך דאך בקשר צו דעם מצב אין ארץ הקודש, ״ארץ אשר . . עיני ה׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה״,

וואס וויבאלד אז ווי ער זאגט אין מכילתא, אז דער אויבערשטער זאגט, אז מכל העמים האט ער אויסגעקליבן עם ישראל, ומכל הארצות האט ער אויסגעקליבן ארץ כנען, ארץ ישראל, איז דערפאר גיט ער אפ די ארץ שבחר בה צו דעם עם שבחר בו, אז ארץ ישראל זאל געהערן צו עם ישראל,

און דאס ווערט אין אן אופן פון ״ברית עולם״, ווי מ׳האט דאס שוין געמאכט דעם ברית בא ״ברית בין הבתרים״ ״לך ולזרעך אחריך עד עולם״,

וואס וואס איז געוועגן די בחירה בישראל? – איז דאך ״ובנו בחרת מכל עם ולשון״ איז דאס פארבונדן מיט מתן-תורה, כמדובר כמה פעמים, [וואס דערפאר אז מ׳זאגט דאס אין ברכות קריאת-שמע איז מען דעמאלט מכוין די זכירת פון מתן-תורה, ווי אראפגעבראכט אויך אין אלטן רבינ׳ס שולחן-ערוך מכמה וכמה מקומות],

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז פונקט אזוי ווי בא תורה איז ווי גערעדט פריער דער פסק-דין פון רמב״ם, אז תורה איז תורה שלימה היא, און מ׳טאר אין איר ניט פארפעלן קיין אות ניט און קיין פירוש בדברי חז״ל – אז ניט איז דאס אן ענין וואס דאס איז היפך פון ״עיקר״ –

על דרך זה איז אויך פארשטאנדיק בהנוגע צו שלימות עם ישראל, וואס שלימות איז אין אן אופן ווען ס׳איז ניטא קיין חסר און ס׳איז ניטא קיין יתיר.

וואס דאס איז דאך אויך פארבונדן מיטן ענין פון גיור, אז ס׳איז שייך מערניט ווען דאס איז כהלכה, ווארום אז ניט איז מען עובר אויפן ענין פון "לא תוסיפו",

און "לא תוסיפו" נאך מערער: דארט איז שייך ווען דאס איז בגדר המצוה; דא איז דאס גאר ניט שייך אין גדר המצוה כלל, ווארום אויב ס׳איז ניט כהלכה – איז די גאנצע מציאות פון גיור ניטא, איז ער געבליבן ווי ער איז געווען קודם המעשה, אדער קודם הדיבור, אדער קודם הכתיבה – וואס מ׳האט דארט געטאן, אבער ס׳איז ניט אין זאכן וואס איז פארבונדן מיט הלכה, איז גאר ניט שייך זאגן אויף דערויף א "גיור פסול" אדער א "גיור שאינו מתאים" וכיוצא בזה – ס׳איז די גאנצע מציאות פון גיור ניטא!

און די וואס ווילן דאס מצרף זיין – איז דאס א הארבערער ענין פון "לא תוסיפו" ביז אין אן אופן פון שלא בערך.

על דרך זה איז אויך פארשטאנדיק, אז פונקט ווי ס׳דארף זיין שלימות התורה, אזוי איז אויך שלימות העם, און ניטא אין דערויף דער ענין פון מצרף זיין קיין-ניט-א-אידן און זאגן אז ער איז א איד – כל זמן אז תורת אמת זאגט ניט אז ער איז א איד,

וואס דערמיט איז אויך פארבונדן אז ס׳זאל זיין דער שלימות הארץ, ביז די שלימות וואס איז אין זיך אויך כולל "כי ירחיב הוי׳ את גבולך" – אויך "קני קניזי וקדמוני",

וואס אויך ביז דעמאלט איז מצוות התלויות בארץ איז דאס פארבונדן מיט "זאת הארץ לגבולותי'", לא יתיר אבער אויך לא חסר, און דערנאך אויך "כי ירחיב הוי׳ את גבולך", מיט די דינים מיט די שקלא-וטריא בזה, צי קני קניזי וקדמוני וועט אויך זיין מחוייב אין די מצוות התלויות בארץ וכו׳, וואס אין כאן המקום להאריך בזה.

## שלמות הארץ – 20 דק'

**כו.** וואס דא קומט אט דאס וואס ס׳האט געטראפן בימים הכי אחרונים, אז ס׳איז לכאורה נאך דעם גאנצן הצהרה ברורה וגלוי׳ ומפורטת, אז ארץ ישראל

לגבולותי׳ געהערט צו עם ישראל, און אין דערויף איז ניט שייך זאגן קיין מסחרים און דינגעניש, דערפאר וואס דאס איז ניט ברשותנו,

- דאס איז ברשות א בן-אדם — אז ער וויל איז ער דארט מקיים מצוות, אדער חס ושלום אויב ניט – ״יצרו אנסו״ — איז ער דעמאלט ניט מקיים א מצוה התלוי׳ בארץ, וואס אט דעמאלט קען זיין, ווי דער מצב איז איצטער, ביז אין אן אופן וואס ״מפני חטאינו״ איז ״גלינו״, דער ענין פון גלות,

אבער אויך דעמאלט זאגט מען ״מארצנו״, אז א איד וואס געפינט זיך אין חוץ-לארץ איז ער א באלעבאס און אים געהערט הארץ לגבולותי׳, די ארץ בכל שלימותה, אין אלע אירע גבולות, און דארט איז ער מחוייב אויך אין מצוות התלויות בארץ — דערפאר וואס דאס געהערט לעם עולם, דורך א ברית עולם, וואס איז געגעבן געווארן פון אלקי עולם, און ווי דערציילט אין תורה הנצחית וואס זי איז א ״חוקת עולם לדורותיכם״.

וואס אט דא איז מיטאמאל ארויס א הצהרה, אז ס׳קען גאר ניט זיין אנדערש, און מ׳דארף מלכתחילה מותר זיין און אפגעבן א טייל פון ארץ ישראל, ווי ס׳איז שוין מפורסם געווארן און לכאורה מיט די שטרענגסטע ווערטער, און אז אי אפשר בלאו הכי וכו׳,

ולכאורה איז דאך דאס פארבונדן מיט ״דינא דמלכותא״, ובפרט אידן וואס געפינען זיך במדינה זו, איז דאך ״והתפללו אל שלום העיר״.

איז אין דערויף איז דא די כמה ביאורים און כמה פרטים וואס זיינען דאס אינגאנצן מבטל:

דער ערשטער ענין איז, אז מ׳קען זיך ניט פאנאנדערקלייבן, ווי דער דין איז על פי תורה, אז ס׳איז דא כמה הצהרות פון א בית-דין של אומות-העולם, ביז פון א מלך פון אומות העולם, [וואס דאס איז בדוגמתו אדער למעלה מזה, למטה מזה], און דערנאך האט ער חרטה, און ווי מ׳האט דאס שוין אויך געזען בפועל.

ביז וואנענט אז ס׳איז גאר דא לכתחילה, אז מ׳פרואווט זיך: אפשר אז מ׳וועט מאיים זיין, און בשעת דער איום וועט זיין אין אותיות חריפות, אין א לשון וסגנון חריף ביותר, אין א שארפסטן אופן - אט דעמאלט וועט זיין דער איום הכי תקיף, און אט דעמאלט וועט מען זען: וועט מען נאכגעבן — איז דאך מה טוב ומה נעים, האט מען יוצא געווען פאר דעם צד השני; וועט מען

ניט נאכגעבן – איז אט דעמאלט האט מען דאך א ברירה פון חרטה-האבן, ווארום מלכתחילה מיינט מען מערניט ווי דעם איום.

און ווי ס'איז שוין געווען כמה דוגמאות בעבר בענינים כאלו: בשעת א איד האט געזאגט בתקיפות, אז "יקוב הדין את ההר", אזוי וועט דאס זיין, און האט דאס אויך מסביר געווען, אז ער איז אויף דערוף קיין באלעבאס ניט, אזוי האט אים געהייסן דער אויבערשטער –

איז אט דעמאלט ווי דער ענין פון י"ב-י"ג תמוז, איז געווען ענינים בלתי-רצויים, ענינים בלתי-נעימים, ביז נאך אין א הארבערן אופן, אבער סוף-כל-סוף איז געווען א נצחון פון תורה ומצוותי'.

און ווי דער בעל הגאולה שרייבט במכתבו הידוע, אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה" "כי אם גם", און רעכנט דארט אויס כמה סוגים, וואס זיי זיינען כולל כל אחד ואחת מבני ישראל.

ביז וואנענט אז ווי געזאגט פריער – ס'איז נאך צוגעקומען "כיתרון האור מן החושך וכיתרון החכמה מן הסכלות".

וואס דערפאר איז צו האפן, אז מ'וועט פארשטיין דעם רמז שבדבר,

און ניט נאר דעם "רמז", נאר המעשה וואס כבר הי', אז מ'האט זיך געפרואווט בעבר נאכגעבן אן איום און א לחץ, און דאס האט געבראכט מערניט ווי אז נאכן נאכגעבן דעם לחץ ראשון – דאס גופא האט מזמין געווען א צווייטן לחץ שלאחרי זה, ובאופן דמוסיף והולך, א לחץ אחר לחץ, ביז אז אין לדבר סוף – מ'מקען ניט זען בעיני בשר וואו מ'וועט זיך אפשטעלן.

משא"כ אט דארט וואו מ'האט זיך געשטעלט מלכתחילה בתוקף, און מ'האט מסביר געווען, אז דאס איז ניט א תוקף פון עקשנות בעלמא, במילא ווערט דער צווייטער א נצחן און זאגט, אז אויב עקשנות – איז ער א גרעסערער עקשן, און אויב אן עזות פנים – איז ער א גרעסערער עזות-פנים, נאר דאס איז א זאך וואס ער האט קיין ברירה ניט: דאס איז א חוק קבוע פון דעם אויבערשטן, אז ארץ ישראל לעם ישראל, און אין וועלכע גבולין? – "זאת הארץ לגבולותי'", איז אט דעמאלט קען זיך קיינער אין דערויף ניט דינגען.

**כז.** און ווי גערעדט כמה פעמים: דער ערשטער אנהויבס וואס מ'הויבט אן לערנען מיט א קינד צו פינף יאר, "בן חמש למקרא", דער "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ",

איז "פרשן-דתא", רש"י, וואס ער איז מבאר פשוטו של מקרא, דערציילט גלייך א בן חמש למקרא, ער זאל וויסן זיין, אז ס'קען זיין אומות-העולם זאלן זאגן "לסטים אתם", און ער זאגט אים וואס ער זאל ענטפערן די אומות-העולם, אז "ברצונו נתנה להם", און לאחרי זה איז "לקחה מהם ונתנה להם",

און וואס רש"י זאגט דאס ניט, אז דאס זאל ער האלטן בא זיך אין חשאי ובסודיות, נאר ווי רש"י דערציילט בפשטות ובסגנונו הפשוט, וביחד עם זה הכי ברור, אז ס'קומט צוגיין א ניט-איד און זאגט: אפשר איז גאר "ליסטים אתם", דערפאר וואס מ'האט צוגענומען ארץ פון שבעה אומות,

און דער ענטפער, וואס מ'זאגט אז דער גוי נעמט דאס אן, אז וויבאלד אז "לה' הארץ ומלואה", דאס איז "כוח מעשיו", ווי רש"י ברענגט אראפ אויך דעם פסוק פון מדרש, אז דאס איז "כוח מעשיו", אז דער אויבערשטער האט באשאפן אלע ארצות, און דאס וואס ס'איז געווען פריער בא שבעה אומות, כנעני וחיתי, ווי ער רעכנט זיי אויס – איז דאס מערניט געווען דערפאר וואס "ברצונו נתנה להם",

און מלכתחילה געגעבן אין אזא אופן, אז נאך דערויף איז "לקחה מהם ונתנה", "כח מעשיו הגיד . . לתת להם נחלת גויים", האט דאס געגעבן אט דער וואס ער האט באשאפן די וועלט, די ארצות, און וואס ער האט זיי פריער געגעבן אלס א נחלה צו די גויים.

ובפרט נאך אז מ'האט צוטאן מיט אן אינו-יהודי וואס ער איז מכריז און איז זיך משתבח – ער באריימט זיך – אז ער איז א מאמין, אז דער אויבערשטער איז בורא העולם ומלואו –

איז א זיכערע זאך אז מ'וועט דאס זאגן, און אין אותיות ברורים, און גלייך זאגן אויך דעם טעם, אז דאס איז ניט עקשנות ורצון מיט אלע-ערליי הסברות, נאר דברים כפשוטם, וואס זיי זיינען דברים לאמיתתם – וועט דאס דעמאלט נתקבל ווערן.

**כח.** ובפרט נאך, אז למעשה בפועל וואס מ'דארף ענטפערן איז קיין נפקא מינה ניט – סיי-ווי די גויים, די ניט-אידן, ווייסן פון דער רש"י, און זיי זיינען חושד און זיי ווייסן, אז אידן ווייסן פון דער רש"י, און וואס מ'וועט זיי ניט זאגן בדיבור איז דאס מערניט ווי דברים בעלמא, מ'קען זיך אויף דערויף ניט פארלאזן.

וואס כאמור לעיל, איז קען גאר זיין, אז מלכתחילה איז דאס מערניט געמיינט געווארן אלס אן איום ולחץ,

ס'קען זיין אז אויך אז מ'ווייס לכתחילה, ווי ס'איז שוין געווען בעבר, אז דער צד השני וועט ניט מקבל זיין סיי-ווי די תנאים, במילא טראכט זיך דער אינו-יהודי, אז ער קען דאך יוצא-זיין פאר אים, דורך דערויף אז ער וועט זאגן: מצידו וו"ל ער, אבער אז דער צד השני, די ערבים, ווילן ניט אננעמען די תנאים איז דאס זייער שולד,

אבער כאמור, בנוגע וואס מ'דארף ענטפערן איז דאס קיין נפקא-מינה ניט: אז מ'וועט ענטפערן ניט ווי דער אמת איז – ווייס יענער, אז ס'איז ניט אמת, ווארום דער אמת איז שוין געדרוקט און דאס ווייס א פינף-יאריקער קינד, וואס מ'האט אים דערציילט, אז רש"י האט דערציילט וואס ס'שטייט אין מדרש "אמר ר' יצחק", אז "כח מעשיו" אט דאס איז די גאנצע וועלט, און דער אויבערשטער האט אויך געזאגט "לתת להם נחלת גויים".

ער זאגט בפירוש, אז אמאל איז דאס געווען "נחלת גויים", און זאגט אויך, אז "ברצונו" אבער "נתנה להם", און דערנאך איז געווען על מנת אז מ'זאל דאס געבן - "לתת להם" – צו בני ישראל לאחרי זה.

**כט.** אין דערויף איז אבער דא א לימוד מוסר – פון וואנענט ס'נעמט זיך די אלע צרות.

וואס מ'פאררופט זיך אויף דער בארימטער החלטה וואס האט דעם נומער פון "רמ"ב".

פון וואנענט קומט אט די החלטה? - אז ס'איז געווען אידן וואס האבן זיך דערשראקן פון "מה יאמרו הגויים", במילא, אז ס'איז געקומען צו די אפשטימונג און מ'האט אויף זיי לוחץ געווען וכו' – האט מען זיך פארלארן פאר דעם לחץ האומות און מ'האט אנגעשריבן א נוסח. וואס אויף דעם נוסח איז געבויט דער גאנצער לחץ פון דעם טאג ווען מ'האט אפגעשטימט אט די החלטה.

און ווי דער איד האט זיך דערנאך געברימט, אז ער איז געווען דער בא-כח פון דער גאנצער ממשלה, און ער איז דאס דער וואס האט מנסח געווען אט דעם נוסח, נאר דערביי האט ער געטראכט אזא פירוש, אזא פירוש; דעם פירוש, יענעם פירוש וכו', און בארימט זיך דערמיט עד היום הזה!

און דערפון קומען ארויס אלע צרות, על כל פנים בגלוי. ווארום אז מ׳הויבט זיך אן דינגען – זאגט מען, אז ס׳איז דא א החלטה צוויי הונדערט פערציק צוויי; אט די החלטה איז אנגענומען געווארן ברוב קולות; אט די נוסח פון דער החלטה איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך איינעם פון א בא-כח פון די אידן, וואס ער האט געשריען און געזאגט בבירור, אז ער רעדט בשם כל עם ישראל כולו, סיי די וואס געפינען זיך אין ארץ-ישראל, סיי די וואס געפינען זיך אין חוץ-לארץ

און דער ״פירוש״ וואס ער האט ארויסגעלאזן איין ווארט: ניט געשריבן ״כל השטחים״, נאר געשריבן ״שטחים״ – האט מען לכתחילה זעט מען וואס דערפון איז ארויס וואס ער האט געהאלטן במחשבה, און וואס ס׳קומט ארויס אז מ׳גיט-נאך אן ענין וואס על-פי תורה טאר מען ניט נאכגעבן,

איז ניט אז דורך דערויף האט מען מנוחת הגוף, צוזאמען מיט מנוחת הנפש פון לחץ פון ניט-איד, נאר אדרבא – דורך דערויף האט מען ערשט א לחץ נוסף, און א לחץ וואס ער איז נמשך שנים אחרי שנים פון דעמאלט אן,

און ער שעמט זיך ניט צו בארימען זיך, אז ער איז דער וואס האט צוזאמענגעשטעלט די החלטה.

און דאס איז ליידער אן אמת: ער האט דאס צוזאמענגעשטעלט על-פי היפוי-כוח מיט די הרשאה מיט אלע ענינים פון חברים זיינע.

און דערנאך איז ״אין פוצה פה ומצפצף״: מ׳האט ניט געמאכט גלייך דעם שטורעם: היתכן, אז מ׳איז מוותר אויף ״ברית עולם״, און מ׳שעמט זיך ניט דערציילן ניט-אידן, אז אידן זיינען אויף דערויף מוותר - אן קיינע ענינים שלאחרי זה, אן קיינע תקוה – אן קיין האפענונג – אז דורך דערויף וועט מען עפעס מרוויח זיין, ווי מ׳האט דעמאלט גלייך מזהיר געווען כמה וכמה, אז יעדער נאכגעבן א לחץ כלשהו, איז מזמין א לחץ נוסף.

און וואס לײדער, פאר די יארן פון דעמאלט אן באזירט זיך – איז זיך מיוסד – יעדער לחץ נוסף אויף אפרייסן שטיקער פון ארץ-ישראל, אויף דעם נוסח מיט דער החלטה וואס אין בה ממש, וויבאלד אז זי איז נגד התורה.

**ל.** וואס אט דאס איז אויך א לימוד בהנוגע אויף דעם ענין, אז אויב מ׳וועט חס ושלום ניט ענטפערן קיין דבר ברור, איז דאס ניט אז דורך דערויף וועט זיין קירוב הלבבות מיטן אינו-יהודי פלוני און אינו-יהודי שני און אינו-יהודי שלישי,

נאר דאס איז דורך דערויף וועט מעןביידע זאכן: זיי וועט מען ניט אפנארן, זיי זיינען סיי-ווי חושד, און "אין אדם נחשד אלא אם כן יש בו": יעדער איד, ווי דער פסק-דין הרמב"ם, וויל טאן ווי תורה הייסט אים, מערניט וואס ס'קען אמאל זיין, אז "יצרו אנסו".

ס'קען זיין, אז מ'וועט חס-ושלום נאכגעבן, און דער אויבערשטער וועט פראווען נאכאמאל א נס, אז דער צד השני וועט ניט מסכים זיין, אבער "אין סומכין על הנס" איז איין זאך, א צווייטע זאך – מ'טאר ניט זאגן א זאך נגד התורה, אפילו אז דערנאך וועט זיך דער גוי אפזאגן פון אפרייסן אט דעם שטיק.

(און אט דא קומט-צו א הוראה כללי) וכאמור לעיל, דאס איז ניט שייך, דאס דארף זאגן א איד וואס געפינט זיך אין "שלום העיר" וואס מ'דארף פאר איר מתפלל זיין – דערפאר וואס וויבאלד אז דאס איז נגד התורת אמת, און נגד תורת חיים – איז דאס דעמאלט אויף דערויף קיינער קיין באלעבאס ניט,

- אפילו א איד איז קיין באלעבאס ניט אויף משנה-זיין עפעס אין תורה, וכלשון המדרש, אז "יאבד שלמה ואלף כמותו ואל יאבד אות אחת בתורה".

על אחת כמה וכמה, אז דאס רעדט זיך מיט אינם-יהודים מאמינים, על אחת כמה וכמה - אז דורך דערויף וועט מען גארנישט ניט מרוויח זיין, ווי מ'האט דאס שוין געזען אין די מציאות מרה – אין די ביטערע פאסירונגען – וואס זיינען געווען בעבר הקרוב, דורך דערויף וואס מ'האט נאכגעגעבן כמה וכמה ענינים ופרטים, וואס על פי תורה האט מען געדארפט טאן פארקערט.

## רפורמות ביהדות – 7 דק'

**לא.** וכאמור, אין דערויף קומט נאך צו א הוראה עיקרית – בהנוגע צו דער הנהגה צו די ענינים וואס זיינען במדינה הזו במיוחד.

און דאס איז, אז ס'איז דאך דא א "שיטה", און וואס ליידער האט זי באקומען כמה הולכים בשיטה זו, אז וויבאלד אז ס'איז "אכשור דרא בתמי'", אז ס'איז שווער צו פועל זיין קיום התורה ומצוותי' בשלימותם בא יעדער אידן, ובלשון הידוע אויך אין פוסקים, וואס ס'ווערט געבראכט אנטקעגן כמה ענינים, אז "אין יכולת בידינו להעמיד הדת על תילה", אשר לכן, כדי צו מקרב

זיין אט די וואס מ׳קען בא זיי ניט פועל זיין אידישקייט — זאל מען לכתחילה קומען צוגיין צו זיי מיט א ״תורה חדשה״:

וואס דארף מען האבן אלע זעקס הונדערט דרייצן מצוות, מ׳וועט אנהאלטן זיך אין די מצוות שבין אדם לחבירו; מ׳וועט אויסקלייבן מצוות מיוחדות שבין אדם למקום, און אז מ׳וועט קומען מיט אזא ״קיצור״ און מיט אפגעריסענע חלקים פון תורת אמת און תורת חיים - אט דורך דערויף וועט מען מקרב- זיין אויך אט די וואס זיינען ״האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים״,

וויבאלד אז מ׳וועט זיי זאגן, אז אמאל איז טאקע געווען זעקס הונדערט דרייצן מצוות, אבער ״התורה זו״ איז ניט ווי אן ״עיקר״ ״לא תהי׳ מוחלפת״, אז אין דער מדינה און אין דער צייט דארף מען מאכן א ״רעפארם״, און מ׳דארף מאכן א פשרה,

און ניט זאגן, אז בשעת מ׳גיט אים ווייניקער מיט א טייל מצוות, איז טוט ער אן עבירה, נאר וואס דען מ׳האט מיט אים קיין ברירה ניט — נאר מלכתחילה בימינו אלו במדינה זו איז ״וואליד״ — זיינען בתקפם מערניט ווי א טייל מצוות!

וואס דא האט געטראפן די זעלבע זאך:

ס׳קען זיין, אז די מתחילים ווייס מען דאך ניט וואס ס׳איז געווען זייער כוונה; וויבאלד אז ס׳איז דורכגעגאנגען דריי דורות — זעט מען ווי די מציאות המרה, אז די וואס זיינען געגאנגען מיט דער שיטה, אז מ׳דארף מאכן פשרות אין תורה ומצוותי׳, און מ׳דארף לכתחילה זאגן, אז ״נשתנו העיתים״ איז גענוג א קיום פון א טייל מצוות, און די איבעריקע וועט מען ארייַנשטעלן אין א מוזעאום און לאזן געשריבן אין דער ספר-תורה, און האלטן די ספר-תורה אין ארון-הקודש, אבער ניט בביתו, די ציוּוים פון ספר התורה, ובמילא קומט דאס ניט ארויס אין קיום המצוות בפועל —

האט מען געזען, אז מער ווי דריי דורות, רחמנא ליצלן, בלייבט פון זיי ניט קיין שריד ופליט:

אדער זיי טוען תשובה און זיי קערן זיך צוריק אום צו קיום התורה וכל מצוותי׳; אז מ׳קען ניט ביישטיין קיין נסיון און מ׳איז עובר אויף א מצוה — ווייס ער אבער אז ער האט געטאן אן עבירה,

[אבער ניט חס-ושלום אז ער איז אין דערויף ניט מחוייב אדער נאכמערער ער טוט דורך דערויף א מצוה "קירוב הרחוקים", וואס אנדערש קען מען זיי ניט מקרב-זיין, און טוט אויף דערויף תשובה, במילא האט ער ניט קיין הנאה פון דעם ענין וואס ער האט געטאן שלא כרצוי,

על אחת כמה וכמה, אז ער שפארט זיך ניט מ'זאל אים געבן א טיטול און מ'זאל אים געבן א שכר און קלאפן אים אויף דער פלייצע, אז ער איז מציל ישראל – דורך דערויף וואס ער איז, רחמנא ליצלן, מחריב התורה ומצוותי' !].

אדער פארקערט, רחמנא ליצלן, אז נטמעו בין העמים: ס'איז ניט געבליבן פון זיין, דורך נישואי מעורבים, דורך אנדערע ענינים, ס'איז פון זיי ניטא קיין שריד ופליט פון זיי במחנה ישראל.

און ווי מ'זעט דאס בפועל:

אט די אלע וואס גייען איצטער בשיטה זו – שטאמען אדער פון אט די הקוראים "ארטאדאקסים", וואס דאס איז שומרי תורה ומצוה, אדער על כל פנים וואס דער זיידע איז געווען א שומר תורה ומצוה,

אויב דער זיידע האט געהאלטן פון אט די פשרות – איז אט דעמאלט, דער אייניקל, אדער אפשר נאך זיינע קינדער, איז איינס פון די ביידע: אדער ער האט זיך אומגעקערט לתורה ומצוותי', אדער רחמנא ליצלן ער איז נטמע בין העמים!

**לב.** און דערביי זעט מען ווי אזוי דער "אומנות" פון יצר-הרע איז, אז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס ס'איז שוין דורכגעגאנגען דריי דורות, און מ'האט שוין געזען בפועל, פון מעשה בפועל, צו וואס ס'ברענגט די שיטת הפשרות און נאכגעבן א לחץ פון דעם יצר-הרע, אז ניט נאר דורך דערויף איז מען ניט מקרב רחוקים, נאר אדרבא – דורך דערויף איז מען מרחיק קרובים, און ס'ווערט דערנאך דער "רחוק" ווערט דערנאך אינגאנצן א פארלארענער, ביז ער ווערט א "נטמע בין העכו"ם" –

האט נאך דער יצר-הרע אזעלכע וואס הערן זיך צו צו זיינע פיתויים והסתות, און מ'איז נאך איצטער מאכט מען א גאנצן טומל, אז דאס איז די וועג דורך וועלכע מ'קען מציל זיין די יוגנט!

און אז מ'זאגט זיי: היתכן?! אט זעט איר דאך וואס ס'איז געווען אין דער משפחה מיט הונדערט יאר צוריק, און וואס ס'איז געווארן מיט זיינע קינדער, און וואס ס'איז געווארן מיט זיינע אייניקלעך – שרייען זיי, אז דאס איז א זאך

וואס ס׳איז ניט אמת, און מ׳זוכט ביאורים און מ׳זוכט הסברות, און מ׳מאכט נסיונות;

אויף וועמען מאכט מען די אלע-ערליי פרואוון מיט אלע-ערליי ״נסיונות״? – מאכט מען דאס אויף לעבעדיקע אידישע נשמות, אויף לעבעדיקע אידישע גופים: מ׳שטעלט זיי איין אין סכנה, אז זיי וועלן רחמנא ליצלן אינגאנצן גיין פארלארן.

און דאס איז ניט א סכנה רחוקה, רחמנא ליצלן – דאס איז אן ענין וואס ״כבר הי׳ לעולמים״; ניט ״לעולמים״ אין אן אנדער מדינה, אין אן אנדער צייט – אין דער מדינה, אין אונזער תקופה,

ביז וואנענט אז מ׳זעט בעיני בשר: אט זעט מען די באבע מיטן זיידן וואס זיינען געגאנגען מיט דער שיטה פון פשרות, און אט זעט מען ווי ס׳זעט אויס דער זון מיט דער טאכטער, און איצטער – גיט א קוק וואס ס׳טוט זיך מיטן אייניקל און מיטן אור-אייניקל.

## ״גדר בה גדר״ – 2 דק'

**לג.** וואס דערפון ווייס מען אויך בהנוגע לעצמו, ווי תורת אמת האט דאס ארויסגעגעבן אין דריי ווערטער, אז בשעת ״רב בקעה מצא״, איז וואס איז געווען דער דרך? – ״גדר שם גדר״!

וואס וואס איז דער תוכן פון דעם ענין? – אז רב איז געקומען אין א נייע מדינה, וואס זי איז געווען אין חוץ-לארץ, און ס׳האט געהייסן ״בבל״ – א ״מעלטינג פאט״ געווען דארט אלע זאכן צוזאמענגעמישט, און אלע עמים צוזאמענגעמישט, און אלע חוגים פון אידן צוזאמענגעמישט, און האט געזען, אז דאס איז א ״בקעה״, [ווי מ׳זאגט ״וימצאו בקעה״ – וואס דערנאך איז דערנאך געווארן: א ״דור הפלגה״],

וואס אט דעמאלט, ער האט געדארפט אויפשטעלן א סדר אין חינוך, און האט געמאכט דארט ישיבות, איז וואס איז געווען די התחלה אין זיין חינוך פון דעם גאנצן ״בבל״? – איז געווען דער סדר ״וגדר בה גדר״!

און ווי רש״י טייטשט דאס אפ בהנוגע צו עירובין, און בהנוגע צו כחל, בהנוגע צו כמה ענינים, אז דאס איז געווען ער האט מוסיף געווען א חומרה

מיוחדת, אז וויבאלד אז דאס איז א "בקעה", א מקום פרוץ אין די און די מצוות – דארף מען זען, פארקערט, מוסיף זיין א גדר,

און דוקא דורך דערויף וועט מען זיך איינקערן מיטן יצר-הרע אשר בקרבו; מ'וועט זיך איינקערן מיט די רוחות הנושבות, מיט די ווינטן וואס בלאזן ב"חוץ" – חוץ פון דעם מחנה ישראל.

## יסוד הצרות - "ככל העמים בית ישראל" – 3 דק'

**לד.** וואס די גאנצע צרה האט זיך גענומען דער שיטה פון "ככל העמים בני ישראל": ווי ס'זעט אויס "אויסווייניק", מחוץ למחנה ישראל – אזוי דארף מען דאס ארייינציען אין מחנה ישראל!

"והי' מחנך קדוש", דארף זיין "חלונות שקופים אטומים", אז "משם אורה יוצאה לכל העולם", פון דארטן ברענגט מען ארויס דעם "אור לגויים", אויף ליכטיק מאכן אין וועלט דורך שבע מצות בני-נח מיט אלע סעיפים מיט כל הענינים וואס זיינען דערמיט פארבונדן,

תמורת זה האט מען געמאכט א סדר הפוך: וואס עפעס אן ענין וואס ס'איז ביי א גוי, א גוי'אישקייט – משתדל זיין זיך אויף נאכמאכן און נאכלויפן און נאכבעטן,

אנהויבנדיק פון גיור - ארייינשלעפן א גוי, און געבן אים טויזנטער דאלארן, אבי ער זאל ערלויבן און מסכים זיין מ'זאל אויף אים שרייבן, אז ער איז "יהודי" – כאטש אחוץ דעם שרייבן איז ביי אים קיין שייכות ניטא מיט "יהודי".

על דרך זה, פארוואס קומט דאס? – ווייל אזוי טוט ער בהנוגע צו זיך אליין אויך: מ'שלעפט ארייין די גוי'אישקייט וואס דאס איז מחוץ לפנימיות הנפש – אין זיין ביתו פנימה, ביז דאס רירט אן אויך זיין טהרת הנפש.

**לה.** און יהי רצון, אז על כל פנים, וויבאלד אז מ'האט שוין געזען די מעשה בפועל, און מ'האט שוין אויסגעפרואווט פארשידענע-ערליי "נסיונות" אויף אידן און אויפן אידישן פאלק, אויף אלע-ערליי וועגן, אין אלע-ערליי אופנים:

אז מ'גיט א קוק דברי ימי ישראל – זעט מען גזירות שונות ומשונות, און מ'זעט אויך אזוי-גערופענע "באוועגונגען" שונות ומשונות,

אנהויבנדיק פון מתן-תורה אן איז גלייך געווען אזעלכע וואס האבן געשריען, אז ״אלה אלקיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים״, איז דאס דער עגל הזהב,

ועל דרך זה די ״בעלים ועשתרות״, ועל דרך זה ביז די משכילים הידועים פון ארץ אשכנז, [פון דער זעלבער לאנד וואס ס׳איז דערנאך ארויסגעקומען די אלע גזירות והשמדות, איז פון דארט אויך ארויסגעקומען דער ענין פון די משכילים, כמדובר כמה פעמים].

און מ׳האט שוין געזען די תוצאות צו וואס ס׳ברענגט די עבודה צו ״עגל הזהב״, צו וואס ס׳ברענגט די עבודה פון ״בעלים ועשתרות״, און צו וואס ס׳ברענגט די ״עבודה-זרה״ פון ״ככל הגויים בית ישראל״.

און מ׳זאל אויפהערן מאכן ״פרואוון״ און ״פארזוכן״ און אלע-ערליי ״נסיונות״ אויף גופי ישראל און אויף נשמות ישראל, און אויף עם ישראל און אויף תורת ישראל און אויף ארץ ישראל –

וועט דאס דעמאלט זיין א ״געזונטער״ פאלק, א ״געזונטע״ לאנד, ווארום מ׳האלט זיך אן א ״געזונטער״ תורה בשלימותה,

און מ׳וועט גיין געזונטערהייט, ובשמחה ובטוב לבב, מיט בריאות הגוף - ווארום ס׳וועט זיין צוזאמען מיט בריאות הנפש – לקבל פני משיח צדקנו,

און כל העמים כולם וועט זיין אין אן אופן, אז ״מלכים אומנייך ושרותיהם מניקותייך״,

בקרוב ממש, בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

לחיים.

# קיצור וסיכום
# שיחה ו'

## תוכן השיחה: חובת המגייר

בשיחה הקודמת דובר שגיור ש"לא כהלכה" - אינו גיור! בשיחה זו מסביר הרבי כיצד נראית הדמות הרבנית הנאמנת לגייר - אדם המאמין בתורה בתכלית ומקיים הוראותי'.

בהמשך הדברים, עונה הרבי לטענה המפורסמת, שההשקפה ההלכתית הטהורה, פוגעת בכבודם של אנשים רבים באומרה שאינם יכולים לגייר וכד'.

נקודת הביאור היא, שייתכן שאדם יהי' חכם גדול בתחום מסויים, ובתחומים אחרים הוא לא יוכל לחוות-דיעה, ומובן שאין זו פגיעה בכבודו.

וכך גם בגיור, מובן שאדם שאינו מאמין ואינו מקיים את התורה, אינו יכול לפעול שינוי המציאות - מגוי ליהודי - אצל בן-אדם.

### דמות המגייר

1 דק'

בכדי שאדם יהיה נאמן על כך שהוא מגייר כהלכה, צריכים להיות בו שלושה תנאים: א. לא רק ידיעת ההלכות, אלא שהוא חי עם ההלכה. ב. אמונה שהתורה היא "תורת אמת" ו"תורת חיים". ג. שאינו עושה רפורמות בתורה ואומר "שמועה זו" מן השמים ו"שמועה זו" אינה מן השמים.

### זה לא פירוד!

16 דק'

ישנם טוענים, שההנהגה המחמירה הזאת בדמות המגייר, פוגעת בכבודם ובפרנסתם של אנשים רבים. המענה לכך הוא: כאשר אדם אינו מתאים לדבר מסוים, זה לא גורם לפחיתות הערך. לדוגמא, כאשר אדם חכם גדול ביותר זקוק לרופא, אין אצלו פחיתות הערך כאשר הוא ילך לרופא.

בפרט כאשר מדובר על "גיור" - שזו פעולה שהופכת בן-אדם ממציאות של גוי למציאות של יהודי. שינוי בתכלית.

מהסיבות לכך שיש אנשים שאינם אוחזים ממענה זה, הוא בגלל שהוויכוח הפך לוויכוח של "שליטה". אך עליהם לזכור, שהוויכוח הוא לא בין שני אנשים, אלא בין התורה לאנשים שחולקים עליה. וגם הוא עצמו מבין שכאשר הוא מוותר לתורה, אין בזה פחיתות הערך.

**שיחה ו:**

## דמות המגייר – 1 דק'

**לו.** בהמשך להאמור לעיל, וואס ס'האט זיך גערעדט וועגן גיור כהלכה, אז אויב נאר ניט כהלכה – איז די גאנצע מציאות פון גיור ניטא,

און א הלכה דארף מען האבן ניט נאר אזא וואס ווייס די הלכה, נאר אזא וואס לעבט מיט דער הלכה, און וואס ער גלויבט אז דאס איז תורת אמת, און ביי אים איז דאס אויך "תורת חיים" – דאס איז ביי אים א הוראה און אן אנווייזונג אין זיין לעבן, במילא איז ער א נאמן אז ער וועט דאס אויך טאן בהנוגע צו א צווייטן,

## זה לא פירוד! – 16 דק'

**לז.** איז דאך דא אויף דערויף די טענה הידועה, אז היתכן אז מ'וויל מאכן א פירוד אין אידן גופא,

וואס דאס איז דאך א היפך, ווי געזאגט פריער, אז ס'דארף זיין "ויחן ישראל", "ויחן" לשון יחיד, כאטש אפילו ס'איז געווען צווישן זיי פון "ראשיכם שבטיכם" ביז א קטן שבקטנים ופשוט שבפשוטים, איז זיינען זיי אלע געשטאנען אין א מצב וואס "ויחן" איז על פי דקדוק געזאגט געווארן אויף אלעמען צוזאמען דוקא לשון יחיד.

און דא מיטאמאל איז מען מחלק, אז ווער קען מגייר-זיין? – איז דאס דוקא פון דעם סוג מסויים, אבער ניט פון א צווייטן סוג, במילא פילט מען זיך געטראפן, און דאס הייסט אז מ'האט פוגע-געווען בכבודם, און אז מ'וויל צונעמען די נאמנות און די פרנסה וכו' וכו', כידוע כל הטענות שבזה.

וואס מלכתחילה איז ברור, אז די טענות איז אין להם כל יסוד – וויבאלד אז דאס איז א דין אין שולחן-ערוך, וואס דאס איז א שולחן-ערוך פון תורה, וואס אויף תורה זאגט מען "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום" – קען דאס ניט זיין אז דאס איז געמאכט געווארן און דאס איז געטאן געווארן אויף אנרירן אימעצנס כבוד אדער פרנסה וכיוצא בזה.

## משל ממוחה בחכמת החשבון שיש לו כאב שניים

נאר בדוגמא למה הדבר דומה? ווי מ'זעט פון יעדערנס הנהגה, אויך פון זייער הנהגה, אז בשעת ס'איז דא א מלומד הכי גדול, צום ביישפיל אין חכמת החשבון, א מלומד הכי גדול אין ידיעת הארץ, ביז וואנענט אז מ'זאגט אז ער איז א "חד בדרא" אין חכמת החשבון, צי אין חכמת ידיעת הארץ, צי הנהגה שבין אדם לחבירו וכיוצא בזה,

בשעת ער האט צו-טאן מיט א דבר קטן, וואס איז פארבונדן אבער מיט א ידיעה בשטח אחר, אז ער האט – ניט פאר קיין אידן געדאכט – צאָן-ווייטאָג, וועט ער זיך ניט פארלאזן אויף זיין חוות-דעת, און וועט זוכן איינעם וואס ער איז טאקע ניט קיין "חד בדרא", אפילו ניט קיין מומחה הכי גדול, ווארום דאס רעדט זיך וועגן אן איינפאכן ציין-ווייטאג, מ'דארף אבער וויסן ווי אזוי מ'דארף דאס היילן,

וועט ער ניט גיין פרעגן ביי א חד בדרא אין חכמת החשבון, אדער ביי א חד בדרא אין ידיעת הארץ, על אחת כמה וכמה אז ער וועט זיך ניט פארלאזן אויף זיך אליין – ער וועט א פרעג-טאן: וואו געפינט זיך איינער וואס ער האט א פאפיר וואס איז מעיד אז ער האט געלערנט רפואה פון שיניים בנוגע צו היילן א צאָן, און האט דאס געלערנט ביי איינעם וואס איז געווען א מומחה בזה,

און פון וואנענט ווייס מען אז ער איז געווען א מומחה? – ווארום ער האט אויסגעהיילט אזעלכע וואס האבן געהאט צאָן-ווייטאָג און דורך דערויף איז בא זיי דורכגעגאנגען דער צאָן-ווייטאָג און דער צאָן איז געבליבן א גאנצער.

און וועט דאס ניט באטראכטן פאר א פחיתת הכבוד פארוואס מ'גייט פרעגן וועגן היילן א צאל ביי א פעלדשער, ווי ס'האט געהייסן אין רוסלאנד, ביי א רופא קטן, אין רפואת שיניים, און מ'גייט ניט פרעגן ביי א חד בדרא וואס לעבט אין דער זעלבער הויז און וואס וויל וויניקער געלט – אבער ער איז א חד בדרא אין חכמת החשבון!

על אחת כמה וכמה אז ער וועט דאס ניט באטראכטן פאר א פחיתת הכבוד, על אחת כמה וכמה אז ער וועט דאס ניט באטראכטן אז מ'וויל אנרירן זיין פרנסה וואס ער טוט אין חשבון אדער אין ידיעת הארץ אדער ענינים כיוצא בזה.

בשעת ער וועט זוכן איינעם וואס קען היילן ציין – וועט ער ניט געפינען איינעם וואס האט געהיילט א צאן מיט צוואנציק יאר צוריק, און צוואנציק יאר נאכאנאנד, אדער צען יאר נאכאנאנד, האט ער זיך דערמיט ניט פארנומען,

על אחת כמה וכמה אז ער וועט ניט זוכן איינעם וואס האט געלערנט די חכמה ווי אזוי מ׳דארף היילן ציין – ער האט דאס אבער אין מעשה בפועל קיינמאל ניט געפרואווט היילן ציין!

ער וועט אויך ניט יאגן זיך נאך איינעם וואס גייט ארום און שרייט, אז היילן ציין איז דאס א זאך וואס איז ניט קיין אמיתי, ס׳איז מערניט וואס מ׳האט קיין ברירה ניט, און דאס איז מערניט ווי א פשרה, און ס׳איז מערניט וואס מ׳דארף פאר אימעצן יוצא-זיין וכיוצא בזה -

ער וועט זוכן אזא וואס ער האט טאקע פריער געלערנט חכמת רפואת שיניים, דערנאך האט ער געהיילט ציין בפועל, און געהיילט די לעצטע צייט, און ער גלויבט אין דערויף בלבבו ובנפשו ומאודו, אז דאס איז די ריכטיקע וועג ווי אזוי מ׳דארף היילן א צאן.

וכאמור, דאס איז ניט קיין פחיתת הכבוד פאר אלע גדולים אין חכמת החשבון בכל כדור הארץ, אפילו אזא וואס ער לעבט אין דעם זעלבן בנין און וויל ווייניקער געלט, און אף על פי כן גייט ער ניט צו אים – דערפאר וואס דער חכם גדול אין חכמת החשבון אליין וועט אויך אזוי טאן!

בשעת ס׳טשעפעט זיך אָן דער חכם אין חכמת החשבון וכיוצא בזה, און הויבט אָן שרייען, אז ער איז דער וואס וועט היילן א צאן, ווארום ער האט אין דערויף געלערנט אין די ספרי רפואה וואס ס׳רעדט וועגן דעם, און ער האלט טאקע אז דאס איז ניט קיין ״תורה מן השמים״, דאס איז מערניט ווי א חכמת בני-אדם און דאס איז מערניט ווי פארבונדן מיט תנאי המקום ותנאי הזמן – ער וועט זוכן איינעם וואס גלויבט אין דערויף באמיתיות ובפשטות, אז דאס איז דער ריכטיקער און איינציקער וועג ווי אזוי צו היילן א צאן.

אויב דער מצב איז אזוי בהנוגע צו א זאך וואס ווי היילן א צאן,

וואס ציין קענען זיין ביז צוויי און דרייסיק, און אפילו אז ס׳איז דא צאן-ווייטאג איז דאס ניט א זאך וואס בייט א מענטשן מן הקצה אל הקצה: מאכט פון אים א מציאות חדשה, דאס איז מערניט ווי ער האט א קליין ווייטאג און וויל פטור-ווערן פון דעם ווייטאג, האט א גרעסערע ווייטאג און וויל זיך באפרייען פון דעם ווייטאג –

אף על פי כן לייגט זיך בפשטות, אין שכל הפשוט, אין וועמען קען מען פארטרויען, אז צו אים זאל מען גיין און ער זאל היילן דעם צאן.

## הנמשל

על אחת כמה וכמה אז ס׳רעדט זיך וועגן אן ענין וואס מ׳דארף נעמען א לעבעדיקן מענטשן, און מ׳דארף פון אים אויפמאכן א נייע מציאות:

ביז דעמאלט איז ער געווען אן אינו-יהודי, האט ער ניט געטארט היטן שבת, און היטן שבת איז פאר אים א דבר המזיק, און מ׳דארף פון אים אויפמאכן א מציאות, אז גלייך נאך דערויף ווי מ׳טוט אט די און די פעולות – איז אט דעמאלט מוז ער היטן שבת, און אז ער וועט ניט-היטן שבת איז דאס ביי אים היפך פון זיין מציאות. פונקט פארקערט ווי ס׳איז געווען א רגע פאר די פעולת הגירות!

וואס בכלל איז דאך דאס א דבר פלא: ווי אזוי קען מען אויפמאכן פון א "גולם", פון א "ראו מאטיריעל", פון א זאך וואס האט ניט קיין צורה? – האט מען א ברירה: מ׳מאכט פון איר אזא כלי אדער א צווייטע כלי, א דריטע כלי, א כלי הפכית,

בשעת דאס איז א כלי וואס האט אלע גדרים פון א בן-אדם, און א בן-אדם חי, און ניט מ׳פאלמעסט אים, ניט מ׳שניידט אים, ניט מ׳טוט קיינע ענינים וואס זיינען משנה צורתו ותכונתו ומבואיו – ווען דאס רעדט זיך וועגן א פרוי,

אפילו ווען דאס רעדט זיך אז מ׳דארף אנקומען צו מילה – איז דאס מערניט וואס ער איז חותך עור הערלה, און אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים מיט כל עניניו בלייבן פונקט די זעלבע צורה ווי ס׳איז געווען פאר דערויף!

די זאך וואס האט זיך געביטן – האט זיך געביטן ער האט אראפגענומען עור הערלה, ער האט געזאגט און יענער האט מקבל-געווען עול מצוות לאמיתתם, און דערנאך האט מען זיך טובל-געווען אין א מקוה, - אלץ ענינים וואס לכאורה איז דאס גארנישט ניט משנה אין דעם מבנה הגוף, מ׳זעט אויך ניט וואס ס׳ווערט דורך דערויף א שינוי אין נשמה.

און אף על פי כן זאגט מען, אז וואס וויל מען פון אים אויפמאכן? - א מציאות פון א אידן לכל עניניו. על כל פנים – אין די מצוות וואס ער האלט אויך, וואס דער חכם אין חכמת החשבון האלט אז א איד דארף זיי מקיים-זיין און ניט-קיין-איד איז אין דערויף ניט מחוייב;

[דאס איז הכל מודים אז ס׳איז דא אזעלכע מצוות וואס ס׳איז מערניט פאר אידן, ניט פאר ניט-אידן, אפילו בא די וואס זיינען רעפארמער בתכלית הירידה, בתכלית אין הקצה הכי קיצונה],

און דורך וואס ווערט דאס אט דער שינוי? — ווערט דאס געטאן דורך איינעם וואס אדער ער האט קיינמאל — די לעצטע צייט על כל פנים — ניט געלעבט חיי יום-יום ווי מצוות זאגן אים, מאיזה טעם שיהי׳, ער שרייט איצטער אויך אז ס׳איז דא פרטים וואס זיי זיינען תורה מן השמים, און ס׳איז דא פרטים וואס דאס איז ניט תורה מן השמים, מיט אלע פרטים שבדבר,

און דער עיקר איז, אז זיין חיות, אין וואס איז ער א ״מומחה״? — אין חכמת החשבון וכיוצא בזה,

און אט דא זאגט מען אים: ער האט די אלע טיטולן מיט אלע תוארים וואס ס׳איז פארבונדן מיט אלע זאכן, אבער ניט מיט הלכות התורה, תורה מן השמים.

און תורה מן השמים קען מען ניט פאנאנדערטיילן, ווי געזאגט פריער וואס דער רמב״ם זאגט, אז אויב מ׳הויבט-אן מעסטן מיט חכמת בני-אדם אז ״שמועה זו״ געפעלט אים און די צווייטע שמועה געפעלט אים ניט, דערפאר ווארפט ער איר ארויס החוצה, רחמנא ליצלן - אט דעמאלט האט צו אים קיין שייכות ניט דער גאנעצער ענין,

און דאס איז ניט פוגע אין זיין כבוד וואס איז פארבונדן מיט זיין מומחיות וכיוצא בזה.

**לח.** וואס לכאורה איז דאס א הסברה הכי פשוטה — ווי קומט דאס אז מ׳נעמט דאס ניט אן? - איז אט דאס דארף מען פרעגן די שאלה בא די וואס ווילן דאס ניט אננעמען. מאון דער ביאור הכי פשוט איז — אז מ׳האט דאס עפעס אריבערגעפירט אויף א נוסח וואס ״מי בראש״, ווער האט מנצח-געווען,

דאס איז ניט קיין שקלא-וטריא און ניט קיין חילוקי דיעות צווישן איין מענטשן מיט א צווייטן מענטשן:

פון איין זייט שטייט תורה, וואס זי איז ניתנה, ״משה קיבל תורה מסיני״, און זי איז צו אונז דערגאנגען עד היום הזה, פון דער צווייטער צד שטייען בני-אדם און ווילן זיך דינגען מיט תורה!

בשעת זיי ווען נאכגעבן תורה איז דאס ניט בא זיי קיין פחיתת הכבוד, דאס איז פארשטענדלעך פון זיך אליין,

און וואס תורה איז – דארף מען ניט זוכן ווייט: בשעת ער וועט א פרעג-טאן בא זיין זיידן און בא זיין עלטער-זיידן – וועט ער אים דערציילן ווי אזוי ער האט זיך מוסר-נפש געווען פאר תורה בשלימותה, ביז א דקדוק קל של דברי סופרים.

און אז ס'קומט ביי א צווייטער ענין – בארימט ער זיך אליין, אז זיין זיידע איז געווען א קאנטאניסט און האט זיך מוסר-נפש געווען אונטער ניקאלאי דעם ערשטן, כדי עסן דוקא כשר, כדי ניט ארבעטן שבת, וכיוצא בזה, ביז אויך אין א דקדוק קל של דברי סופרים איז אויך געווען די תנועה ביז אין אן אופן פון מסירת-נפש.

**לט.** און יהי רצון, אז ווי מ'האט גערעדט פריער, און ווי מ'זאגט דאס אויך אין דעם שיעור פון היינטיקן טאג, אז "הן עם לבדד ישכון ובגויים ולא יתחשב", אז דער אידישער פאלק איז אלעמאל, נאך פון זינט מ'איז געווען אין מדבר, דערנאך איז מען געקומען אין "ארץ נושבת", דערנאך איז מען געווען אין גלות בבל –

האבן גויים אליין אנערקענט און האבן דאס מכריז-געווען, און ס'איז אנגענומען געווארן א פסוק פון תורה, אז אידן זיינען "בגויים לא יתחשב", אז זיי רעכענען זיך ניט מיט די הנהגה פון אומות-העולם, און זיי ווערן ניט נתפעל אז אומות-העולם ווילן זיי ניט אריינרעכענען אז זיי זיינען פונקט "ככל הגויים בית ישראל" –

אדרבא "הן עם לבדד ישכון" – אין דערויף באשטייט דער קיום און די חיות און די שטארקייט פון אידן, וואס זיי זיינען אלעמאל געווען "לבדד ישכון", און זיי זיינען איצטער "לבדד ישכון" און זיי וועלן זיין "לבדד ישכון",

און דוקא דורך דערויף באקומט מען אלע ברכות פון דעם אויבערשטן, אויך אט די ברכה וואס "מלכים אומנייך ושרותיהם מניקותייך",

ביז ס'וועט מקויים-ווערן דער יעוד, ווי ער זאגט אין "וזאת הברכה": "וישכון ישראל בטח בדד עין יעקב",

בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש. לחיים.

# קיצור וסיכום
# שיחה ז'

## תוכן השיחה: משמעות ה"מפתח"

בזמן הניגונים שבין השיחות, כמה יהודים ניגשו לרבי ונתנו מפתחות לבתי-חב"ד חדשים. בשיחה זו מסביר הרבי באופן מיוחד את המשמעות של "מפתח".

### שני תפקידים של יהודי

4 דק'

על יהודי להתעסק בשני דברים: עם עצמו, ועם העולם שסביבו.

ובזה יש שני סוגי עבודה:

**א.** עבודה שעיקרה היא עם עצמו, וכתוצאה מזה הוא פועל גם בעולם. לדוגמא, בכדי להניח תפילין ולשעבד את המח והלב, הוא זקוק לכמה וכמה ענינים גשמיים עד שיהיו לו תפילין.

**ב.** עבודה שעיקרה היא עם הזולת, וכתוצאה מזה הוא פועל גם בעצמו. לדוגמא, מצוות צדקה, שע"י שמקיים את המצוה שבין אדם לחבירו הוא גם מקיים מצווה גדולה ביותר שבין אדם למקום.

### מחיצה, ותפקיד המפתח

6 דק'

מאחר והיהודי נדרש לפעול גם עם העולם, עליו לעשות גם מחיצה בינו לבין העולם, כדי שההתעסקות עם העולם תהיה על פי המדידה וההגבלה של התורה.

אך מובן, שהמחיצה לא יכולה להיות סגורה כל הזמן - שאזי אין אפשרות לפעול עם העולם. ולאידך מובן, שאינה יכולה להיות פתוחה כל הזמן - שאזי במה היא מועילה?!

אלא, צריך להיות מפתח, ולבעל-הבית יש את היכולת לפתוח כשנדרש ולנעול כשנדרש - עפ"י שולחן-ערוך!

זו גם הסיבה שבדיני קניין, יש גדר של קניין על ידי נתינת המפתח.

## שיחה ז:

## שני התפקידים של היהודי – 4 דק'

**מ.** מ'האט גערעדט פריער בהנוגע צו א אידן, אז א איד האט צוויי תפקידים: צום אלעם ערשטן דארף ער אויפטאן מיט זיך, און אויך אויפטאן מיט דער וועלט ארום זיך, מיט חלקו שבעולם.

און עד כדי כך - אז איין זאך איז פארבונדן מיט די צווייטע: ווי אזוי קען א איד מקיים זיין א מצוה שבגופו, וואס אפילו דורך א צווייטן אידן, דורך שלוחו, קען ער דאס אויך ניט מקיים-זיין, ווי די מצוה ווי תפילין וכיוצא בזה – דארף ער נעמען פן דער וועלט א קלף, א פארמעט.

וואס כדי האבן א פארמעט דארף פריער זיין א בהמה אין וועלט, וואס כדי די בהמה זאל וואקסן און מ'זאל קענען מאכן פון דערויף א פארמעט – איז דעמאלט נעמט מען דאס דורך דערויף וואס ס'איז דא "ונתתי עשב בשדך", אז ס'איז דא א פעלד וואס דארט האט מען געאקערט און געזייט און ס'איז אויסגעוואקסן גראז, וואס דערמיט האלט זיך אויף די בהמה, וואס דערנאך מאכט מען דערפון פארמעט, וואס אויף דערויף שרייבט מען אן די פרשיות תפילין,

און אט דעמאלט קען דער איד מיט זיך אויפטאן אט דאס וואס תפילין טוט-אויף, אנהויבנדיק פון "לשעבד הלב והמוח", ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין שולחן-ערוך אז דאס איז א טייל פון קיום המצוה; ניט נאר כוונת המצוה – דאס איז א טייל פון קיום המצוה, און פאר דערויף נאך דערמאנט ער אויך וועגן "לכתוב", וועגן די כתיבת הפרשיות.

על כל פנים, איז אויך כדי אויפטאן מיט זיך דארף ער אויך אויפטאן אין דער וועלט.

דערנאך איז דא ענינים וואס ער טוט-אויף במיוחד אין וועלט, בדוגמא ווי מצות הצדקה, וואס ער גיט דאס א צווייטן, בדוגמא מצוות התלויות בארץ וואס ער טוט-אויף אין ארץ, די מצוה אויך ווי ער איז מקיים דעם ציווי, אז ער

דארף זיך משתדל-זיין אז בני-נח זאלן מקיים-זיין שבע מצוות בני-נח, וכל כיוצא בזה.

וואס דורך דערויף טוט ער אויך אויף מיט זיך,

און ווי גערעדט כמה פעמים, אז אף על פי וואס ס'ווערט דאך געבראכט אין ספרים דער חילוק פון מצוות שבין אדם למקום און מצוות שבין אדם לחבירו – איז בשעת ער טוט א מצוה שבין אדם לחבירו איז ער דערמיט אויך מקיים א מצוה שבין אדם למקום: אז ער גיט צדקה און איז מחי' נפש העני – איז ער מקיים איינע פון די גרעסטע מצוות וואס ס'איז דא בין אדם למקום, אויף מקיים-זיין מצות הצדקה. וכיוצא בזה בכל שאר המצות.

## מחיצה, ותפקיד המפתח – 6 דק'

**מא.** אף על פי כן, אז א איד איז באשאפן געווארן אין אן אופן, אז ער איז טאקע "עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב", ער מישט זיך ניט מיט אלע פעלקער,

על דרך זה איז א איד, "נשמה שנתת בי טהורה היא", און ער געפינט זיך ב"בירא עמיקתא", אין א וועלט פון עולם וואס איז ניט אן עולם וואס דארט איז צדיקים גוברים בו, נאר פארקערט, ווי ער ברענגט אראפ אין תניא פון עץ חיים,

ועל דרך זה האט ער צו-טאן מיט א בהמה, וואס זי איז על-פי דין מערניט ווי א בהמה, וואס "רוח הבהמה", אפילו דער רוח פון דער בהמה, איז אויך "היא היורדת למטה", און דער אדם איז דאך כל ענינו "היא העולה למעלה" –

איז כדי ס'זאל זיין אין דערויף א מדידה והגבלה על פי התורה, ווען ער האט צו-טאן מיט וועלט און אויף וויפל ער האט צו-טאן מיט וועלט, און זיכער ניט "פארטרונקען" ווערן אין וועלט – איז אויף דערויף איז דא א מחיצה שבין היהודי, צווישן א אידן, מיט וועלט.

אויב ס'וועט אבער זיין א מחיצה – טיילט דאס אים אפ, אז ער האט מיט וועלט ניט צו-טאן, קען ער אין איר גארנישט ניט אויפטאן,

לאידך גיסא, אז ס׳וועט ניט זיין קיין מחיצה – אט דעמאלט ווערט דאס א מקום פרוץ, אז צווישן אים מיט וועלט איז ניטא קיין "המבדיל", קיין הבדלה און מחיצה –

איז דערצו די עצה, אז אין דער מחיצה, אין דעם כותל און אין דער חומה מאכט מען א פתח.

אז מ׳זאל מאכן אבער א פתח וואס וועט אלעמאל זיין סתום – האט מען פון אים קיין תועלת ניט, איז דאס ניט קיין פתח, איז ניטא קיין פתיחה,

זאל מען מאכן א פתח וואס זאל אלעמאל זיין פתוח, סיי ביינאכט און סיי בייטאג, אפילו ווען ער שלאפט און ער קען זיך ניט אויסהיטן, ווארום דער שכל זיינער שלאפט – קען אויך יעדער חי׳ ובהמה מן החוץ אריינגיין בביתו, אין זיינע ד׳ אמות – איז אט דעמאלט האט די מחיצה ניט געבראכט קיין תועלת.

וואס דערצו איז אן עצה, אז מ׳מאכט א פתיחה, אין דער פתיחה שטעלט מען אריין א דלת, און דער דלת האט אויף זיך א שלאס, וואס אמאל איז דער שלאס אָפן – דעמאלט קען מען אריינגיין, און אמאל איז דער שלאס פארשליסט – קען מען ניט אריינגיין, און דעם שליסל האלט ער בא זיך:

ניט ער לאזט דעם שליסל ליגן אין רשות הרבים, כל הרוצה יבוא ויפתח, יבוא ויסתום – ווערט ער אויס באלעבאס אויף דעם;

דער שליסל האלט ער בא זיך, און אט דעמאלט גיט ער א קוק אין שולחן-ערוך, ער גיט א קוק אין תורה, תורת חיים, אין הוראה בחיים – ווען מ׳דארף עפענען דעם פתח, און ווען מ׳דארף פאשליסן דעם פתח.

וויבאלד אז דער שליסל איז א שליסל צו מילוי תפקיד הבית, אדער דברים הנמצאים מבפנים לחומה – דערפאר קומט ארויס דער דין, אז בנוגע צו קנין כל הבית, קען מען בכמה וכמה אופנים קונה-זיין: אז ער גיט-אפ דעם שליסל – דעם מפתח – א צווייטן, ווערט דער גאנצער בית דעם צווייטנ׳ס.

ער האט אים אפגעגעבן מערניט ווי דעם שליסל – זאגט ער אין שולחן-ערוך, אז אויב ס׳איז געווען במצב כך וכך, בתנאים אלו ואלו – איז פעלט מערניט מסירת מפתח, און אז ער האט אים מוסר-געווען דעם מפתח – איז אט דעמאלט איז קנה כל הבית.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק: ווי דאס איז ביי א מפתח פון בית – על דרך זה בהנוגע צו א מפתח פון אוהל המטלטל, פון א בית וואס גייט אויף רעדער, על דרך זה בא מפתח פון שאר ענינים, אז וויבאלד אז בלשון הקודש רופט מען דאס אָן "מפתח", אז ער עפנט, במילא איז אויך "המסגר" – קען ער אויך פארשליסן, איז אט דעמאלט דורך דערויף איז קונה כל הבית.

**מב.** און יהי רצון, אז די וואס האבן געבראכט די מפתחות, על אחת כמה וכמה די וואס האבן געבראכט ענינים וואס דארט איז תורה בגלוי, איז צוזאמען מיטן "מפתח" זאלן זיי אפגעבן א מסירה ונתינה אין די ד' אמות פון דעם בית-הכנסת ובית-המדרש,

וואס דארט איז, ווי כמדובר כמה פעמים: אין דעם בית האט דער בעל הגאולה געלערנט און געדאוונט און געטאן ענינים, לכל לראש עניני צדקה וגמילות חסדים, במשך פון עשר שנים – זאל דאס זיין א מסירה ונתינה "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך",

און מ'זאל מיטנעמען פון דאנענעט, פון די ד' אמות פון בעל הגאולה, בכל מקום ומקום וואוהין זיי גייען אדער פאָרן וכיוצא בזה – אויף אהינצו ברענגען דעם נתינת-כח פון דעם בעל הגאולה,

און דאס זאל אראפקומען אין עבודת ה' אין אלע דריי קוין: תורה עבודה וגמילות חסדים,

ו"המעשה הוא העיקר" – אין קיום מצוות מעשיות בפועל, הפצת התורה ומצוותי', ביז הפצת המעיינות חוצה,

ובאופן דמוסיף והולך ואור, ובשמחה ובטוב לבב.

לחיים.

# קיצור וסיכום
# שיחה ח'

## תוכן השיחה: חת"ת ומבצעים

את ההתוועדות מסיים הרבי - בשיחה זו - בהזכרת מעלת שיעורי החת"ת, שהם סגולה לכמה וכמה ענינים, ועל ידם נעשים קשורים עם הרבי.

לאחר-מכן מזכיר הרבי אודות ה'מבצעים', ואודות נתינת צדקה, במיוחד למוסדות הנקראים על שמו של הרבי הריי"צ

## חת״ת ומבצעים

### שיחה ח:

**מג.** בשעת א התוועדות וואס איז פארבונדן מיט בעל הגאולה והשמחה – איז דאך אויך כאן המקום להזכיר, נכאמאל דערמאנען, וועגן די שיעורים מיוחדים וואס ער האט מייסד געווען און מפרסם געווען, און האט געוואלט אז דאס זאל נתפרסם ווערן און אנגענומען ווערן בכל מקום וואס מ׳קען אהינצו דערגרייכן,

וואס דאס איז די שיעורים וואס ער האט זיי א נאמען געגעבן ״חת״ת״,

און אויך איבערגעגעבן, אז אזוי איז נאך געווען דער ווארט פון צמח-צדק צו זיין זיידן, צום רבי׳ן מהר״ש, ״ויהי חתת אלקים על כל הערים האלו ויסעו״, ווי שוין אויך אפגעדרוקט דער סיפור באריכה בכמה מקומות, אויך אין סוף פון דעם תהלים וואס איז א נאמען געגעבן אויך על שם פון בעל הגאולה והשמחה.

וואס דאס זיינען שיעורים אין חומש – אויף לערנען יעדער טאג מפרשת השבוע, ביום ראשון – פון התחלת הפרשה ביז שני, ביום שני – פון שני ביז שלישי, ביז אזוי ביום השבת – פון שביעי ביז סוף כל הסדרה.

ועל דרך זה אויך אין תהלים– דער שיעור חדשי,

ועל דרך זה אויך דער צווייטער תי״ו, אין תניא – ווי דער בעל הגאולה והשמחה האט פאנאנדערגעטיילט, ווי שוין אפגעדרוקט אין דעם ״מורה שיעור״, אין אן אופן אז מ׳זאל מתחיל זיין און מסיים-זיין דעם ספר התניא במשך השנה.

וואס די שיעורים איז דאך, זעלבסט-פארשטענדלעך, בהוספה אויף די שיעורים וואס כל אחד ואחד איז מחוייב ״כמבואר בהלכות תלמוד תורה״, ווי דער לשון איז אין תניא אין פרק ל״ד.

און ווי ער האט דעמאלט געזאגט אויך, און ווי ס׳איז שוין אויך אפגעדרוקט, איז דאס א סגולה לכמה וכמה ענינים,

און דער עיקר איז דאך, בדוגמא ווי מ׳זאגט אז בשעת מ׳איז מצוה און מ׳איז מקיים דעם ציווי, איז אפילו אז דער ציווי קומט פון א חכם הכי גדול,

ער זאגט דאס אבער צו אן אדם הכי פשוט, און דער אדם איז מקיים אט דעם ציווי – ווערט א ציווי אויך מלשון "צוותא וחיבור", אז דאס איז מחבר דעם אדם הכי פשוט מיטן חכם הכי גדול,

על אחת כמה וכמה אז דאס איז דאך א ציווי וואס איז געקומען פון איינעם וואס איז ניט נאר די מעלה פון חכמה, נאר בכמה וכמה ענינים, והעולה על כולנה – די מעלה פון נשיאות, וואס "הנשיא הוא הכל".

**מד.** וואס דערביי איז אויך דער כאן המקום אויך להזכיר:

וויבאלד אז מ'האט פריער גערעדט בארוכה וועגן ענין פון חינוך, בהתאם צו די מסירת-נפש וואס דער בעל הגאולה והשמחה האט געהאט אויף עניני חינוך, אנהויבנדיק פון "מפי עוללים ויונקים", אין א מעמד ומצב וואס ס'איז געווען פארבונדן מיט גזירות הכי קשות –

איז אויך ממבצע למבצע און "מצוה גוררת מצוה" – אויף לעורר נאכאמאל און נאכאמאל אויפן מבצע פון אהבת ישראל,

וואס דאס קומען דערנאך אראפ די ביידע מבצעים אין פרטים – אין מבצע תורה און מבצע תפילין, און מבצע מזוזה, און מבצע צדקה, בית מלא ספרים – יבנה וחכמי',

און דער מבצע וואס דער קיום בפועל איז איבערגעגעבן געווארן דורך בורא עולם ומנהיגו צו נשי ובנות ישראל:

נרות שבת קודש, וואס יום-טוב ווערט דאך אויך אנגערופן בשם "שבת" אדער "שבתון", "ממחרת השבת",

און מבצע כשרות האכילה ושתי', ובפרט אז ביום הגאולה האבן זיי מסיים געווען און אפגעדרוקט און ארויס ברוב פאר והדר א בוך וואס דארט זאל זיין, צוזאמען מיט די פרטים ווי אזוי צו מאכן די מאכלים – זאל אויך זיין מודגש דער ענין פון כשרות האכילה ושתי', וואס ס'איז היינט ארויס להפצה ולמכירה,

און אויך דער מבצע פון טהרת המשפחה,

וואס דאס איז דאך וואס עליהם כל בית ישראל נשען.

וכמדובר כמה פעמים, אז די אלע מבצעים, "מעשינו ועבודתינו" אין די אלע ענינים, און כללות התורה ומצוותי' – זאל ברענגען דעם "מבצע" הכי

גדול, וואס ווערט אויפגעטאן דורך "מה גדלו מעשיך", דורך "גדול הוי' ומהולל מאד בעיר אלקינו", דורך דעם אויבערשטן – די גאולה האמיתית והשלימה,

וואס זי ווערט דאך אויפגעטאן, ווי רש"י ברענגט אראפ פון מדרש, "ואתם תלוקטו לאחד אחד בית ישראל", אז דער אויבערשטער איז מקבץ נדחי ישראל "אחד אחד", און נעמט זיי ארויס פון גלות בכל הפרטים,

און אין אן אופן פון "באור פני מלך חיים" ושמחה והרחבה – בשמחה ובטוב לבב ובהרחבה, ובהרחבה אמיתית,

בקרוב ממש, ובעגלא דידן.

**מה.** און אויך אויף פארבינדן דאס אויך מיט א מעשה בפועל, נוסף אז דאס איז דאך א מנהג טוב אין די התוועדות פון יום הגאולה פון בעל השמחה והגאולה –

זאל זיך יעדערער מתנדב-זיין כנדבת לבו הטהור אויף די מוסדות וואס ווערן אנגערופן על שמו "אהלי יוסף יצחק",

ובכלל אויף דעם ענין פון לימוד התורה לשמה – מחזק-זיין און תומך-זיין אין די וואס לערנען תורה אן קיינע ענינים, ווי גוט די ענינים זאלן ניט זיין, מערניט ווי לשמה, לשם הלימוד עצמו.

און מ'זאל גיין ממצוה למצוה, ניט נאר "מצוה גוררת מצוה", נאר טאן דאס בשמחה ובטוב לבב אליין, ובאופן דמוסיף והולך ואור,

וועט מקויים-ווערן בקרוב ממש, ובשעתא חדא וברגעא חדא, אז "מיד הן נגאלין",

בגאולה האמיתית והשלימה, ומלכתחילה אריבער.

לחיים.

# שאלות סיכום

## לחזרה ושינון תוכן השיחות

### › שיחה א'.

1. מה אנו למדים מכך שהתנאי למתן-תורה היה "**ויחן** (לשון יחיד) ישראל נגד ההר":

2. "התורה היא **נצחית**", מה הם שני הפירושים ב"נצחית":

3. מהו ההבדל בין "**לומד** תורה" (סתם), לבין "**עוסק** בתורה":

### › שיחה ב'.

1. הסבר מהו ההכרח הגדול בזריזות, הלא מה שלא ייעשה היום, ניתן לעשות מחר?

2. במה צריכה להיות עיקר ההחלטה מי"ב-י"ג תמוז, ומדוע:

## › שיחה ג'.

1. ההייתכן לומר על חג-הפסח שהוא "זמן חרותנו", והלא, כיום נמצאים בגלות?

2. הסבר, כיצד ייתכן שעל-ידי פעולתו של יהודי במקום אחד, הוא מסייע ליהודי במקום אחר?

3. מה הם הענינים שבהם צריכים לעסוק בימי הקיץ, פרט: אצל תלמידים שבמשך השנה לומדים לימודי חול; אצל תלמידים שבמשך השנה לומדים לימודי קודש בלבד; אצל בעלי-עסק:

## › שיחה ד'.

1. מנין היובל - הוא מנין ליחידים או מנין כללי?

2. מה לומד הזהר מ"על יובל שרשיו"?

3. כיצד נעשית הפקעת הקניינים בשנת היובל?

## › שיחה ה'.

1. מה הרבי לומד בשיחה מכך שהבחירה בעם-ישראל היתה יחד עם נתינת התורה?

2. מה ארע עם צאצאיהם של ה"רפורמים" וכד":

3. "רב בקעה מצא וגדר בה גדר", מה הלימוד בעבודת ה' מהסיפור?

## › שיחה ו'.

1. כתוב את המשל מהחכם הגדול, ורפואת השיניים. ומהו הנמשל:

2. מהו השינוי שנפעל אצל המתגייר?

## › שיחה ז'.

1. פרט את שני סוגי העבודות המוטלים על יהודים:

2. מה תפקיד ה"מפתח", ומה משמעותו בעבודת ה':




ועד תלמידי התמימים העולמי

770 איסטערן פארקוויי • ברוקלין נ.י.